THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
JUN-4 1924

A
JEWISH
CANADIAN
DAILY
Circulated
All Over
CANADA
And Abroad

THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

פאליטיש
אומאפהענגיג
נאציאנאל.

א צייטונג וועלכע גיט
פרייהייט פון אויסדרוק
צו אלע אידען.

VOLUME XI No. 4199 TORONTO SUNDAY JUNE 1 1924 כח אייר פרשה במדבר, תרפ"ד. טאראנטא, זונטאג, דער 1-טער יוני, 1924. PRICE THREE CENTS

נייע, שרעקליכע פאגראמען אויסגעבראכען אין רומעניע

אידען באשולדיגט אין דעם אמוניציע-אויפרייס אין בוקארעסט. — רומענישע קעניגין באקומט ידיעה וועגען שרעקליכע פאגראמען. — קיינע באריכטען פון רומעניע.

לאנדאן, מאי 31.

דא ווערט באריכטעט, אז קעניגין מאריע פון רומעניע, וועלכע פארוויילט איצט אין ענגלאנד, האט באקומען א ידיעה פון בוקארעסט, אז דארט זענען אויסגעבראכען שרעקליכע פאגראמען אויף אידען. די אידען ווערען באשולדיגט אין דעם אמוניציע-אויפרייס, וואס איז פארגעקומען לעצטען מיטוואך אין בוקארעסט און אלס רעזולטאט דערפון זענען אויסגעבראכען די נייע שרעקליכע פאגראמען.

פון בוקארעסט גופא קומען ניט אן קיין שום ידיעות. דאס צייגט, אז די רעגירונג האט איינגעפיהרט א שטרענגע צענזור און עס פארשטארקט די מורא, אז עטוואס שרעקליכעס קומט פאר מיט די אומגליקליכע רומענישע אידען.

פארלוסט דורך דעם אויפרייס איז פונקט ווי א פארלארענע שלאכט

וויען, מאי 31.

ידיעות פון בוקארעסט גיבען איבער, אז דער אויפרייס פון די אמוניציע-ארסענאלען איז א גוואלדיגער פארלוסט פאר רומעניע. דער שאדען באטרעפט א מיליאן לעי (צוויי הונדערט מיליאן דאלאר). די צאהל פון מענשליכע לעבענס וואס זענען אומגעקומען איז נאך ניט פעסטגעשטעלט.

דער אויפרייס איז פארגעקומען אין גרעסטען אמוניציע-ארסענאל פון דער רומענישער ארמיי. די אמוניציע איז געווען גרייט פאר דער ערווארטעטער מלחמה מיט רוסלאנד. נאטירליך, אז מען באשולדיגט די קאמוניסטען אין דעם אויפרייס. דער פארלוסט פאר רומעניע איז דאס זעלביגע ווי זי וואלט פארלארען א וויכטיגע שלאכט.

584 מיליאן פונט וועט קאסטען הייזער-בוי פלאן פון ענגלישער לייבאר-רעגירונג

די רעגירונג וועט בויען צוויי און א האלב מיליאן הייזער. — די ארבייט וועט פאדערן פערציג יאהר. — דער שטאאט וועט געבען גרעסטען טייל פון די הוצאות.

—):0:(—

לאנדאן, מאי, 31.

אן אפיציעלער מעמאראנדום פון דער רעגירונג וועגען די פינאנציעלע פונקטען אין דעם פלאן צו בויען הייזער צייגט, אז דער פלאן וועט דורכגעפיהרט ווערען אין לויף פון פערציג יאהר און בסך הכל וועט עס קאסטען 584 מיליאן פונט, פון וואס דער שטאאט וועט געבען 393 מיליאן פונט און דאס איבעריגע וועט דארפען געגעבען ווערען פון די מוניציפאליטעטען.

לויט דעם פלאן וועט די רעגירונג אויסבויען צוויי און א האלב מיליאן הייזער, וועלכע וועלען אפגעגעבען ווערען צו ארבייטער אויף בילינע פרייזען.

ליבעראלען ראטעווען ווידער די ארבייטער - רעגירונג

די לייבאר רעגירונג איז דאנערשטאג ווידער געראטעוועט געווארען דורך די ליבעראלען פון געשלאגען ווערען.

עס איז געווען א קריטישער מאמענט ווען די קאנסערוואטיוון האבען פארגעשלאגען צו פארקלענערן די געהאלט פון טאם שאו, דער מיניסטער פון ארבייט, דערפאר וואס ער האט, לויט זייער מיינונג, ניט געבראכט קיין פלאן געגען ארבייטסלאזיגקייט. מעקדאנאלד האט ערקלעהרט, אז ער נעהמט אן דעם פארשלאג אלס פארוואורף צו דער רעגירונג און וועט רעזיגנירען אויב דער פארשלאג וועט ווערען אנגענומען.

די ליבעראלען האבען זיך צוריקגעצויגען פאר א בעראטונג. אין פארלאמענט איז געשאפען געווארען א דראמאטישע סיטואציע. די עקזיסטענץ פון דער ערשטער לייבאר - רעגירונג איז געווען אין קאן.

די ליבעראלען קומען צוריק פון דער בעראטונג. מיט געשפאנטקייט הערט מען אויס אסקוויט'ס ערקלעהרונג, אז זיי וועלען דעם איצטיגען מאל אויך שטיצען דער רעגירונג. דער פארשלאג פאלט דאן דורך מיט 300 שטימען געגען 252.

היינט א קאנפערענץ פון קאנסומערס ליעג

אין פארבאנד-אינסטיטוט, 24 סעסיל סטריט, וועט היינט, 2.30 נאכמיטאג, פארקומען א קאנפערענץ פון ארגאניזאציעס וועגען דעם שלייש-סטרייק. די קאנפערענץ איז איינבארופען פון דער קאנסומערס ליעג.

צו דער קאנפערענץ וועלען צוגעלאזען ווערען בלויז דעלעגאטען מיט קרעדענשעלס. צווישען אנדערע פראגען וועט באהאנדלט ווערען וועגען עפענען קאאפעראטיווע בוטשער שעפער.

כינא האט אנערקענט סאוויעט-רוסלאנד

פעקין, מאי 31.

עס איז היינט באקאנט געווארען אז די כינעזישע רעגירונג האט געשלאסען א טריטי מיט סאוויעט-רוסלאנד. כינא האט איינגעשטימט צו געבען פולע אנערקענונג צו סאוויעט רוסלאנד.

די טריטי איז אונטערגעשריבען געווארען פון דר. וועלינגטאן קו און קאראכאן, דער פארטרעטער פון רוסלאנד.

אידישע ארטיסטישע עקספעדיציע קיין ארץ ישראל

פאריז מאי 31 (איטא).

א גרופע אידישע ארטיסטען זענען פון מארסעיל אפגעפאהרען קיין ארץ ישראל, וואו זיי וועלען פארברענגען א לענגערע צייט, כדי צו זאמלען מאטעריאלען פאר א בוך וועגען דער מאדערנער אידישער פאלעסטינא.

די עקספעדיציע איז ארגאניזירט געווארען דורך אלעקסאנדער קאגאן. אנדערע מיטגליעדער אין דער עקספעדיציע זענען: נחום אראנסאן, פראפ. פאסטערנאק און אייזיק פעדער. עס ווערט ערווארטעט אז אנדערע אידישע ארטיסטען וועלען זיך אנשליסען אן דער עקספעדיציע.

יונגע מיידעל שטארבט פון די וואונדען

מיס דאהין טאמאן, א יונגע מיידעל פון 505 בראנזוויק עוועניו, וועלכע איז לעצטען זונטאג פארוואונדעט געווארען אין אן אויטאמאביל-אומגליק, איז פרייטאג אוונט געשטארבען פון די וואונדען.

זשאבאטינסקי וויל אומקעהרען צו דעם ציוניזם זיין „קעניגליכען חלום“

זאגט אז מאסען - איינוואנדערונג מוז ערלויבט ווערען אין פאלעסטינא. — עבר-הירדן דארף געהערען צו פאלעסטינא. — גרינדעט א פאראיין פון אקטיוויסטישע ציוניסטען.

וויען, מאי, 31, (איטא).

„איך וויל אומקעהרען צו דעם ציוניזם זיין קעניגליכען טרוים“, האט דא ערקלעהרט וולאדימיר זשאבאטינסקי אין זיין צווייטער לעקציע אויף דער טעמע: „ווי צו לייזען דעם קריזיס אין ציוניזם“.

דער ציוניזם דארף פארענטפערען אלע באלדיגע פראבלעמען פון אידישען לעבען — האט זשאבאטינסקי געזאגט. דאס איז אונמעגליך סיידען עס וועט געשאפען ווערען דער ריכטיגער פאליטישער פונדאמענט און די טויערען פון פאלעסטינא וועלען געעפענט ווערען פאר א מאסען-איינוואנדערונג.

די פאלגענדע באדינגונגען מוזען דערפילט ווערען — האט זשאבאטינסקי פארגעזעצט. ערשטענס, אן אגרארישע רעפארמע אין פאלעסטינא וואס זאל אפגעבען צו די אידען דעם לוידיגען באדען. צווייטענס, דארף די אדמיניסטראציע רעפארמירט ווערען „פון אויבען ביז אונטער“. דריטענס, דארף עבר-הירדן געהערען צו פאלעסטינא, ווייל עס איז די וויכטיגסטע ניט פארנומענע קאלאניזאציאנס - טעריטאריע. פערטענס, דארף געמאכט ווערען א נאציאנאלע הלואה, באזירט אויף די קאלאניזאציאנס-רעזערווען, ווי דאס איז דער פאל אין קאליפארניע. עס דארף אויך אנגעהויבען ווערען א נייע פאליטישע קאמפאניע און די ציוניסטישע פינאנציעלע אינסטיטוציעס דארפען געשטארקט ווערען.

זשאבאטינסקי'ס לעקציע איז שטארק אפלאדירט געווארען. אויף א באנקעט איז שפעטער געגרינדעט געווארען א פאראיין פון אקטיוויסטישע ציוניסטען צו וועלכען עס זענען צוגעשטאנען פילע הערצליאנער - ציוניסטען.

עליים ווילען באנייען מיליטערישע קאנטראל אין דייטשלאנד

N. Y. Public Library
476 Fifth Ave.

קאנטראל איז געווען אויפגעגעבען זינט דער רוהר-אקופאציע. — הערריא וועט קאנפערירען מיט מעקדאנאלד. — דייטשע נאציאנאליסטען ווילען די גאנצע מאכט.

פאריז, מאי 31.

דער עליים אמבאסאדארען-ראט האט געשיקט א נאטע צו דער דייטשער רעגירונג, וואס איז א פאקטישער אולטימאטום, אז דייטשלאנד זאל צושטימען צו דער באנייאונג פון עליים-קאנטראל איבער דער מיליטערישער סיטואציע אין דייטשלאנד. עס איז פארשטאנען אז פרעמיער מעקדאנאלד פון ענגלאנד האט צוגעשטימט צו דעם אולטימאטום.

דער עליים מיליטערישער קאנטראל אין דייטשלאנד איז אויפגעגעבען געווארען אין יאנואר 1923, ווען דער רוהר-געגענד איז אקופירט געווארען. שפעטער, ווען די דייטשען האבען אויפגעגעבען דעם פאסיווען ווידערשטאנד, האבען די עליים ווידער געפאדערט פאר זיך דאס קאנטראל - רעכט. די דייטשע רעגירונג האט דאן געענטפערט, אז אזא קאנטראל איז איבעריג, ווייל זי קומט נאך אלע התחייבות'ן לויט דער ווערסאל טריטי, און אז דער פעלקערבונד דארף איצט איבערנעהמען דעם קאנטראל.

די עליים דערמאנען איצט דייטשלאנד, אז דער קאנטראל געהערט צו זיי ביז די אנטוואפנונגס-פונקטען פון דער ווערסאלער טריטי וועלען ווערען דורכגעפיהרט.

הערריא וועט קאנפערירען מיט מעקדאנאלד'ן

הערריא, פיהרער פון דער ראדיקאלער פארטיי, וועלכער וועט, לויט אלע ווארשיינליכקייטען, זיין דער נעקסטער פרעמיער פון פראנקרייך, וועט ביז ערשטע וואך, אזוי שנעל ווי ער וועט איבערנעהמען דעם אמט, קאנפערירען מיט פרעמיער מעקדאנאלד. ער האט זיך היינט אויסגעדריקט, אז ער איז זיכער אין א שנעלער און דויערהאפטיגער פארשטענדיגונג מיט דער ענגלישער רעגירונג.

דייטשע רעאקציאנערען ווילען ניט זיין אין קאאליציע-רעגירונג

בערלין, מאי 31.

די דייטשע נאציאנאלע פארטיי האבען נעכטען פארמעל ערקלעהרט, אז זיי וועלען זיך ניט באטייליגען אין א קאאליציאנס-רעגירונג מיט די צענטריסטישע פארטייען סיידען זיי וועלען האבען די הערשענדע דעה אין די אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען. זיי שטעלען א פאדערונג, אז דער אויסערן-מיניסטער זאל זיין זייערער א מענש.

די נאטע פון עליים אמבאסאדארען ראט האט געווירקט ווי אויל אויפ'ן פייער פון די רעאקציאנערען. זיי האבען פארעפענטליכט אן ערקלעהרונג, אז זיי וועלען קיינמאל ניט מסכים זיין צו דער באנייאונג פון מיליטערישען קאנטראל.

אנגעקומענע שיפען

„באלינגבראק“ פון האמבורג אין מאנטרעאל.

„מאנ. קארפאריישאן“ פון מאנטשעסטער אין מאנטרעאל.

„לינקמאר“ פון ב. וועסט אינדיעס אין מאנטרעאל.

א טאג נייעס אין טאראנטא

דר. ש. מארגאשעס א גאסט אין שטאדט

דר. ש. מארגאשעס מיטארבייטער פון „טאג“, וועלכער איז געוועזען דער עקזעקוטיוו דירעקטאר פון די היגע ציוניסטען, איז פרייטאג געקומען צו גאסט אין טאראנטא און וועט דא פארברענגען ביז היינט אוונט.

פריינט און באקאנטע קענען איהם באגעגענען אין וועווערלי האטעל, קאלערדזש און ספאדינא עוועניו.

מישא גערמאן פיהלט שוין בעסער

מישא גערמאן, דירעקטאר פון סטענדערד טעאטער, וועלכער האט פארענדיגט זיין טעאטער סעזאן לעצטע וואך, איז קראנק געווארען שפילענדיג טעאטער אין מאנטרעאל.

מר. גערמאן איז פרייטאג פריה צוריקגעקומען אין שטאדט, וואו ער וועט פארבלייבען עטליכע טעג, און וועט נאך פיליכט אויפטרעטען פאר'ן טעאטער פובליקום.

פאלקס-פאראיין אינטערפרעטער בעסערט זיך

מר. י. ראז, דער אינטערפרעטער פון אידישען פאלקס-פאראיין, וועלכער האט לעצטענס דורכגעמאכט א שווערע אפעראציע אין דזשענעראל האספיטאל, פיהלט זיך פיעל בעסער, און ווי די דאקטוירים פארזיכערען, וועט ער נאך איניגע טעג פארלאזען דאס האספיטאל.

מר. ראז איז איינער פון די וויכטיגסטע טוער אין פאלקס-פאראיין און איז באליעבט ביי די פאראיין מיטגליעדער.

היינט א פארזאמלונג פון פאלעסטינא-קאנפערענץ

היינט 11 א זייגער אין דער פריה, וועט פארקומען א פארזאמלונג פון דער ארבייטער קאנפערענץ פאר די פאלעסטינער אידישע ארבייטער. די פארזאמלונג וועט זיין אין קלאקמאבער האל.

צוויי אידישע סטודענטען זענען מודה אין ערמארדען אידישען אינגעל פרענקס

צוויי אידישע סטודענטען, זיהן פון מיליאנערען, האבען ברוטאל ערמארדעט דעם פערצעהן יעהריגען ראבערט פרענקס. — איינער פון זיי, האט פארלארען די אייגענגלעזער און דורך דעם האט מען אויסגעפונען די מערדער. — שיקאגא אויפגערודערט פון דעם ברוטאלען מארד.

שיקאגא, מאי 31.

נייטען לעאפאלד און ריטשארד לאעב, צוויי מיליאנערסקע זיהנדלאך, און ביידע לאא-סטודענטען פון היגען אוניווערזיטעט, האבען זיך היינט מודה געווען, אז זיי האבען געקידנעפט און ערמארדעט דעם פערצעהן יעהריגען ראבערט פרענקס, א זוהן פון א היגען אידישען מיליאנער. די צוויי פיינע חברה-לייט האבען צוגעגעבען, אז זיי האבען דעם אינגעל געקידנעפט כדי צו קריגען צעהן טויזענט דאלאר אויסלייזגעלט און ערמארדעט האבען זיי איהם אין „א גייסט פון אוואנטורע“.

מיט'ן ברוטאלען מארד פון דעם אידישען אינגעל קאכט פאר דער לעצטער צייט אין דער גאנצער שטאדט. דער נאקעטער קערפער פון ערמארדעטען איז געפונען געווארען מיט א וואך צוריק. איינער פון די מערדער האט פארלארען זיינע אייגענגלעזער לעבען מארד-פלאץ און דורך דעם האט מען אויסגעפונען די מערדער.

עס איז פעסטגעשטעלט געווארען אז דאס אינגעל איז ערמארדעט געווארען מיט קלעפ פון א דלאט (טשיזל) איבער'ן קאפ.

מיסטעריעזער טויט פון אידישער מיידעל

ניו יארק, מאי 31.

לינא שווארץ, א 23 יעהריגע מיידעל פון 14 איסט 160-טע סטריט, איז נעכטען געפונען געווארען טויט אין הויף פון 16 איסט 105-טע סטריט. דאס מיידעל האט געזאלט חתונה האבען אין צוויי וואכען ארום.

די פאליציי ווייסט ניט צי עס איז א מארד אדער זעלבסטמארד.

איד באגעהט זעלבסטמארד

ניו יארק, מאי 31.

סעמיועל שטערן, 45 יאהר אלט, איז נעכטען באגאנגען זעלבסטמארד, איינאטעמענדיג גאז און אויפהענגענדיג זיך נאכהער. ער האט אריינגענומען א גאזרעהר אין מויל און נאכהער זיך אויפגעהאנגען.

מעגוויער און ראס לייקענען שייכות מיט האום באנק דעפאזיטס

—):0:(—

עקס-מעיאר מעגוויער האט קאטעגאריש אפגעלייקענט, אז ער האט ווען עס איז אויסגעאיבט אן איינפלוס, אז די שטאדט זאל פארגרעסערן די רעפאזיטס אין האום באנק. די ערקלעהרונג האט ער געמאכט אויף א פארהער, פרייטאג נאכמיטאג, אין אסגאד האל. דאס איז געווען מעגוויער'ס אפיציעלער ענטפער אויף די באשולדיגונגען פון עקס-קאנטראלער ריטשארדסאן.

עהנליכע אפלייקענונגען זענען אויך געמאכט געווארען פון פינאנץ-קאמישאנער ראס און קאנטראלער גיבאנס.

זאמלען געלט אינטער פאלשע נעמען

מען קאלעקטעט געלט פאר'ן אידישען האספיטאל, געבענדיג סטעמפס פון אידישען ארבייטער הילפס קאמיטעט.

אין לויף פון פרייטאגדיגען טאג האט מען אונז געלאזט וויסען פון דער צדקה-פעדעראציע, ווי אויך פון אידישען האספיטאל, אז עטליכע שווינדלער דרעהען זיך ארום איבער די אידישע הייזער, זאמלענדיג געלט פאר אידישע הילפס אינסטיטוציעס געבענדיג רעסיטס פון אנדערע הילפס ארגאניזאציעס.

מר. ב. קופמאן, דער סעקרעטאר פון דער צדקה פעדעראציע, האט אונז אויך אינפארמירט, אז אין דזשאנקשאן, וואו די אידישע קינדער היים איז פאפולער, האט א געוויסער שווינדלער געזאמעלט פאר דער קינדער היים, ווענהענד די קינדער-היים, האט קיינמאל קיין קאלעקטאר ניט ארויסגעשיקט.

מיט'ן קאלעקטאר פון אידישען האספיטאל האט פאסירט דאס זעלבע. קומענדיג צו מרס. סאפיע וויסבראד פון 33 קענזינגטאן עוועניו, נאך זיין מאנאטליכען שטייער, האט זי איהם געזאגט אז זי האט ערשט באצאהלט, און איהם געציינט א רעסיט פון „אידישען ארבייטער הילפס קאמיטעט“, זאגענדיג דערביי: „אויף דעם רעסיט האב איך געגעבען פופציג סענט צום אידישען האספיטאל“.

דער קאלעקטאר האט דעם רעסיט איבערגעגעבען צו דער קאאפעראציאן, פון וואנען ער איז איבערגעגעבען געווארען אין אונזער אפיס.

הפנים, אז טאראנטא איז געווארען א גרויסע שטאדט, וואו שווינדלער קענען שוין פריי אנפיהרען זייערע געשעפטען אין נאמען פון באוואוסטע צדקה אינסטיטוציעס.

ווילען מאכען אלטע קאלאניעס אין א"י עקאנאמיש זעלבסטשטענדיג

—):0:(—

ירושלים מאי 31 (איטא).

די הכנות פארן איינארבייטען דעם פאלעסטינער בודזשעט פארן נעקסטען יאהר ווערען שוין געמאכט. עס וועט זיין דאס ערשטע מאל היי יאהר ווען דער פאלעסטינער בודזשעט וועט געמאכט ווערען אין פאלעסטינא דורך דעם ספעציעלען ווירטשאפט ראט.

מיטגליעדער פון דעם ראט, האלפערן, ש. קאפלאנסקי, ארלאסאראוו, וועלכע זענען שוין אהער אנגעקומען, זענען גענייגט זיך אפצוזאגען פון די סומען, וועלכע זענען באשטימט געווארען אויף צו שאפען נייע קאלאניעס, נאך אנשטאט דעם צו פארווענדען דאס געלד אויף פארשטארקען די אלטע קאלאניעס און מאכען זיי עקאנאמיש זעלבסטשטענדיג.

עס ווערט אויסגעדריקט די ערווארטונג אז אין פארלויף פון דריי יאהר וועלען אלע עקזיסטירענדע קאלאניעס זיין עקאנאמיש זעלבסטשטענדיג. א ספעציעלע קאמיסיע, וואס באשטעהט פון די הערען עטינגער, ארלאסאראוו, באראן און ווילקאנסקי, וועט פאר דעם צוועק באזוכען אלע קאלאניעס, כדי אויסצופארשען זייער לאגע.

פארשטעהער פון יק"א באדויערט האנדלונג פון „אדלער“ וועגען אימיגראציע-באריכט

—):0:(—

אין פארבינדונג מיט דער נייעס וועגען אידישער אימיגראציע קיין קאנאדע וועגען וואס עס ווערט קאמענטירט עדיטאריעל אין היינטיגען „זשורנאל“, האבען מיר נעכטען דערהאלטען פאלגענדען בריעף פון מר. ס. בעלקין, פארשטעהער פון יק"א אין קאנאדע:

טייערער מר. רייגוויין:

אין נאמען פון מר. לייאן קאהען וויל איך אויסדריקען אייך זיין באדויערען פאר'ן ניט - אויטאריזירטען סטייטמענט וואס איז נעכטען ערשינען אין „אדלער“. איהר וועט זיך דערמאהנען אז מר. ווארנאפסקי האט פארשפראכען, אין אייער אנוועזנהייט, צושטעלען אונז א דרעפט פון א סטייטמענט, וועלכען מיר זאלען גלייכצייטיג פארשפרייטען אין דער אידישער פרעסע פון די פאראייניגטע שטאאטען און קאנאדע. אנשטאט טאן דאס האט ער פארעפענטליכט די נייעס אין זיין צייטונג, שטעלענדיג אונז אין א שלעכטער לאגע. מר. לייאן קאהען איז פיעל געקרענקט פון דיזער האנדלונג.

מיר וועלען ארויסגעבען • אונזער סטייטמענט אין א קורצער צייט ארום און ווילען אייך פארזיכערן, אז איהר וועט עס קאנען דרוקען אין דעם זעלבען טאג ווי דער „אדלער“.

האפענדיג אז דאס וועט שליכטען דעם ענין, בין איך אויפריכטיג אייער

ס. בעלקין,
עקזעקוטיוו סעקרעטאר.

קומענדען פרייטאג
ערב שבועות

הויבט אן
לעזען אונזער
נייעם ראמאן

די פוילישע
אריסטאקראטקע

ריכטיג געמאכט

טראַסעס צו יעדער מאס

ניט נאר זענען אונזערע ברובענדער געמאכט פערפעקט דורך געלערענטע אַרבייטער, מיט יאהרען פון פראקטישער ערפאהרונג, נאר יעדען פאציענט ווערט עס באזונדער צוגעפּאסט ווי אזוי עס איז נויטיג. דער פאקט אז 70% פון אונזערע נייע קאסטומער זענען געשיקט צו אונז פון דאנקבארע פאציענטען צייגט ווי מען שאצט אפ אונזער סוירוויס.

AUTHORS & COX, LIMITED, 135 Church St., Toronto

מאכער און פיטערס פון טראַסעס, דיפארמיטי אפּליינסעס, עלעסטיק זאָקען, מאַגען בעלטס א. א. וו. אינוואַלידען־טשערס צו פארקויפען אדער רענטען.

„דעם גענעראלס טאכטער"

א ראמאן פונ'ם בארימטען דייטשען ראמאניסט

ב. קעלערמאן

(פארזעצונג)

איבער דער קליינער קאנאַפּע, אויף וועלכער עס זענען געווענליך געלעגען רוט'ס הוט און מאנטעל, איז געהאנגען אין אן אוואלער ווייסער ראהם א פּאָרטרעט פון א יונגער דאמע: מאַרגאַרעט פּאָן־זאַמערשטאַרף, שפּעטער העכט־באַבענבערג. דער פּאָרטרעט איז געמאכט געווען פון רוט'ס מוטער, ווען זי איז אַלט געווען עטליכע און צוואנציג יאהר, איז נאך א יונג, פריש מיידעל געווען, און נאר־וואס א כלה געווארען פאר איהר פאטער — א יונג מיידעל. די שמאַלע פּלייצעס אין ווייסען האַפּט־טוך אנגעהילט, מיט א פאכער אין דער האנט און א פייער־רויטער רויז אין די האר. דאס בילד פון רוט'ס מוטער האט געהאט א באַזונדערע אייגענטימליכקייט. די גרויסע העל־ברוינע אויגען האבען נאכגעקוקט דעם באזוכער אומעטום, וואו ער זאל זיך ניט האבען אוועקגעשטעלט אין צימער. דער פּאָרטרעט האט איהם ניט ארויסגעלאזט פון די אויגען און די אויגען איהרע האבען תמיד געלאכט.

ביי רוט'ן איז וועגען איהר מוטער געבליבען א בלאַסע ערינערונג. זי האט איהר מוטער קוים, קוים געדענקט. עפּעס ציטערענדעס, אהן א שיעור ווארעמעס, ליופענדעס און גליטשענדעס. וועלכע ליפּען אהן א שיעור צארטע און אהן א שיעור ווארעמע; וועלכע האבען זי געקושט, ווען זי איז נאך געווען א קליין קינד, און טרערען. די אויפזעהערין, האט צו איהר געזאגט: „גריס דער דאמע, דאס איז דיין מאמא!" רוט דערמאנט זיך דייטליך אן די דאזיגע ווערטער טערעזע'ס, אבער צו איהר באַדויערען און שמערץ קען זי זיך בשום אופן ניט דערמאנען, וואס די דאזיגע בלאַסע אומבאַקאנטע דאמע האט דאן געזאגט.

רוט האט, איבריגענס, געהאט די ווייסע האַפּט־טוך, אין וועלכער איהר מוטער איז פּאָרטרעטירט. צייטענווייז, זעלטען, לעגט זי די דאזיגע טוך ארויף אויף איהרע פּלייצעס, זי שטעקט אריין אין איהרע האר א רויז פון דער זעלבער רויטקייט. דעמאלט לאַכען די דאָזיגע ביידע פרויען איינע צו דער אנדערער און זענען איינע צו דער אנדערער אזוי ענליך.

* * *

— פוהרמאן, זענט איהר פריי?

אטא איז אריינגעשפּרונגען אין די דראזשקע.

— פּאראַדיז־באַר!

די דראזשקע איז געווען א האַלב־צובראכענע און מיט פיעל לעבער און „וואָנדרען" אין אלע עקען. דאס פערד האט געהינקען און משונה'דיג געשפּרונגען, קוים שלעפּענדיג דעם וואגען.

— גאט אין הימעל! — האט זיך אטא געטראכט, באמערקענדיג אויף יעדען שריט און טריט שפּורען פון גרויסען חורבן, וועלכען די מלחמה האט ארויסגערופען אין דער הויפּט־שטאדט. — ס'אראַ חורבן! זיי האבען דאך ממש א תל געמאכט פון בערלין!

דאס טרויעריגע בילד פון אינטערגאַנג, וואס בערלין האט איצט מיט זיך פארגעשטעלט, די שטייגענדע פּאַראַליזירטקייט פון דער רעזידענץ־שטאדט האט אבער ביי איהם קיין באַדויערען און פארדרוס ניט דערוועקט, נאר גאר אן אנדער געפיהל, א געפיהל וואס איז ענליך צו נקמה. איהם האט אין דער טיפעניש פון זיין נשמה ווי הנאה געטאן, וואס בערלין און דאס גאנצע לאנד זענען געקומען צו אזא צושטאנד פון חורבן — ער האט זיך אין דעם געזעהן דעם בעסטען באווייז, אז ער, אטא, איז גערעכט אין זיינע איבערצייגונגען און אנשויאונגען וועגען דער מלחמה.

דאס לעצטע מאל איז ער געווען אין בערלין פאריגען זומער און האט דעמאלט דארט פארבראכט עטליכע וואכען, כדי זיך אויסצוהיילען פון א גאזפארגיפטונג. אבער דעמאלט האט בערלין ניט אויסגעזעהן אזוי שרעקליך, ווי איצט. איינזאם האבען געקלאפּט דעם פערדס קאפּיטעס אין דער פינסטערניש פון דער גאס. ס'האט אויפגעהערט צו שנייען. שמוץ האט געפלאסען אין די רינשטאקען. א שווארצער רעגען האט איצט בעגאסען און גענאסען אויף די טויטע שטאדט.

די דראזשקע האט זיך פלוצלונג אפּגעשטעלט. דער פערד־סקעלעט האט זיך אפּגעשטעלט אין זיין אפּגעשאבטען פעל און געציטערט. א העל־באלויכטענע געביידע — „באַר־פּאַראַדיז".

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער אווענט האט זיך ערשט אנגעהויבען, זענען די צימערען און קארידארען פון „פּאַראַדיז־באַר" שוין געווען איבערפולט פון מענשען. אבער אטא'ן איז געלונגען צו פארכאפּען א קליין טישעל ביי דער באַלוסטראַדע.

די צימערען פון „פּאַראַדיז־באַר", דאס מעבעל, די פּארטיערען און טעפּיכער זענען געווען געפארבט לאַק־רויט און גאָלדיג. בונטע בלומען־קעפּלאך זענען אראפּגעהאנגען פונ'ם גאָלדענעם סופיט און האבען ארויסגעשטראהלט פון זיך ליידענשאַפטליכע פארלאנגען און באגעהרען.

אטא האט צוגעלענט זיין מאָנאָקל צום אויג, כדי אלע זאלען זעהן און וויסען, אז ער איז אן אפיציער און ניט אבי־ווער.

פארשידענע קולות האבען געפייפט און געזשומעט אין זאל און אין די נעבענצימערען.

— פאר צוויי יאהרען האב איך איהם געבארגט פופציג מארק. ער איז דאן צו מיר געקומען, געבעטען א גמילות־חסד — זיינע שטיוועל, איבערהויפּט — קעלנער! היינט האט ער מיליאנען. איך שאץ איהם אויף פיער מיליאן.

— קויפט סחורה, סחורה, וואס פאר א סחורה ס'איז, — נאר געקויפט. איהר הערט? פאלגט מיין עצה און איהר וועט זעהן וואסערע אוצרות איהר וועט מאכען.

— רודי איז תמיד שכור.

אזעלכע ווערטער, ניט וויסענדיג, ווער ס'האט זיי אויסגערעדט, האבען זיך פונ'ם ווירוואַרד פון קולות דערטראגען צו אטא'ס אויערען. אטא האט נייגעריג געקוקט אויפ'ן גרויסען עולם, ווי די אלע געסט האבען געגעסען, געטרונקען, געמאכט מיט די הענט און אנדערע זשעסטען. ביי א רייך סערווירטען טיש האט אטא באמערקט א הער מיט א פּליך. ער האט געהאלטען אין האנט א פּרעכטיגען בוקעט בלומען און נעבען איהם האט זיך אנידערגעזעצט א שווארצ'חנ'עוודיגע שלאנקע דאמע מיט דעקאָלטירטע ענטציקענד רונדע פּלייצעס. ער האט דערלאנגט די דאמע זיין בוקעט טיעף זיך פארנייגט פאר איהר. ניט ווייט פונ'ם דאזיגען פּאָרל זענען געזעסען צוויי הערען אין פראקען מיט צוויי פרויען, וואס זענען געווען אנגעטאן ווי פירשטינס — אין קאסטבארע קליידער, באפּוצט מיט ברילליאנטען און בלומען.

אטא האט דערשפּירט דעם ריח פון פודער, וואס האט זיך געטראגען פון זייערע דעקאָלטירטע ביוסטען, און די עסענצען פון זייערע הופטיגע קונסט־פולע פריזורען.

— אך, ס'אראַ ראָזע אוּיעל איינע פון די פרויען האט! זיי זענען טאַקע אפשר ניט מעהר ווי קאַקאָטען, אבער, זאָגט וואס איהר ווילט, — זיי זענען דאך אזוי שעהן, רייצענד און סימפּאַטיש.

(ווערט פארגעזעצט)



דאד'ס קידני פילס זענען בלויז א נירען רפואה. זיי העלפען רומאטיזם, לאמביינאָ, ברייט'ס קראנקהייט, דיעביטיז, רוקען שמערצען, האַרץ־שמערצען און יורינארישע ליידען. ווייל אלע פון זיי זענען אדער נירען ליידען אדער זענען פאראורזאכט דורך דער אונארדנונג פון די נירען, און דאדורך קענען זיי ניט טאן זייער ארבייט.

צו פארענטען

צו פארענטען 2 אדער 3 רומס, ניי דעקארירט, אלע קאנוויניענס, סינק אין קיטשען. פרעגען 174 ראבערט סטריט.
5433-6-1)

צו פארענטען א פלעט 3 רומס, סינק אין קיטשען, טעלעפאן און נאך קאנוויניענס. פרעגען 43 אקספארד סטריט.
5435-6-1)

צו פארענטען 2 אדער 3 רומס אדער א עזלטען שעהנעם דאונסטערז, אלע מאדערנע קאנוויניענס, ביליג רענט. נאַראדוש, אויב נויטיג. 192 בעלוואודס עוו. נעבען דאנדעס.
5436-6-1)

צו פארענטען 3 רומס מיט א סאן רום, אלע קאנוויניענס, סינק אין קיטשען, הארדוואוד פלארס, עלעקטריק פיקסטשורס. פרעגען 112 ביטרים סטריט. טעלעפאן טריניטי W 7699
5434-6-1)

צו פארענטען א 3 רומיגען פלעט, אלע קאנוויניענס, סינק אין קיטשען. פרעגען 240 קראפארד סטריט.
5424-6-1)

א הויז צו פארענטען מיט אלע קאנוויניענס סטים היטינג עלעקטריק גאז טעלעפאן שאור באטה גרויסער שעהנער יארד. נאכפרעגען 34 גרענדוש עוועניו
5450)

צו פארענטען א פלעט פון 3 אדער 4 רומס אלע קאנוויניענס סינק אין קיטשען עלעקטריק פיקטשורס ווינדאו בליינדס, טעלעפאן, פרעגען 489 יוקליד עוועניו טריניטי W 7344
5445)

צו פארענטען 3 אדער 4 רומיגען פלעט ניי דעקארייטעט ספּערעט גאז סינק אין קיטשען עלעקטריק אלע אנדערע מאָדערנע קאנוויניענס 265 מארקהעם סטריט
1320)

צו פארענטען א 10 רומיגע הויז, אלע קאנוויניענס, עלעקטריק, ווארענדע אפּסטערז און דאנסטערז אין 419 דאנדעס וועסט, פרעגען טעל. הילקרעסט 6375
5446-6-6)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע לייטעסט אימפּרואוומענטס אין 67 בראנסוויק עוועניו.
5444)

צו פארענטען א הויז 8 רומס אלע קאנוויניענס עלעקטריק פיקטשורס אין 48 נעסא סטריט, פרעגען 1042 קווין וועסט. טעלעפאן קייקסייד F 7049
5454-6-2)

צו פארענטען 2 רומס ספּערעט גאז עלעקטריק סינק אין קיטשען און אלע אנדערע קאנוויניענס, פרעגען אין 215 מיידזשאר סטריט.
5459-6-2)

צו פארענטען א סטאר אין בעסטען סעקשאן פון קווין איסט, נומער 363 פאסיג פאר יעדער ביזנעס, יעצט א בארבערשאפּ פרעגען 1236 דאנפארט עוועניו.
5447-6-2)

צו פארענטען א פלעט פון 3 אדער 4 רומס סינק אין קיטשען, עלעקטריק אלע אנדערע קאנוויניענס גלייך אריינצומופען 88 וואלטאן סטריט.
5455-6-2)

צו פארענטען 2 גרויסע רומס מיט עלעקטריק פיקטשורס אלע קאנוויניענס, פרעגען 17 דיוויזשאן סטריט נעבען ספּעדיינא און יוראן סטריט
5475)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס סינק אין קיטשען ספּערעט גאז עלעקטריק טעלעפאן צום נוצען. פרעגען 441 באטהורסט סטריט.
5468)

צו פארענטען 111 נעסא סטריט, סאליד בריק הויז, 8 רומס ניי דעקארירט, אלע קאנוויניענס, פרעגען טעלעפאן טריניטי W 7941
1341-6-2)

צו פארענטען א 3 אדער 4 רומיגען פלעט מיט א סאן רום, סטים היט, בליינדס פיקטשורס הארדוואוד פלארס. טעלעפאן ספּערעט באט, פרעגען 147 דעניסאן עוו.
5466)

צו פארענטען א פלעט פון 2 אדער 3 שעהנע רומס אלע קאנוויניענס סינק, טעלעפאן, באזונדער גאז פאסיג פאר א יונג קאפּעל, פרעגען 12 ראסעל סטריט
5449-6-4)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס אין סאן רום ניי דעקארירט גאז, עלעקטריק פיקטשורס און בליינדס. טעלעפאן פרעגען 188 גלעדסטאן עוועניו.
5448)

סטאר און פינף רומס צו פארענטען סייד ענטרענס און אלע קאנוויניענס 40 דאלאר א מאנאט, פרעגען 268½ קווין וועסט.
5461)

ביליפס

און אקשענירס

רענט קאלעקטארס, טשארטעל מארטגיידזשעס, ליענס און ווארענטס אטענדעט.

ל. דייווידסאן און קאמ.

331 בעי סטריט, רום 218
טעלעפאן מיין 1037

צו פארקויפען

$8000. מעקאל סטריט וועסט סייד, סאוט פון דאנדעס, 10 רומס, סאליד בריק, 7 בעדרומס און סאנרום, אלע אין פוירסט קלעס קאנדישאן, עלעקטריק לייט, אלע קאנוויניענס. $1500 קעש וועט קריגען דיזע פראפערטי.

$8000 האולענד עוו. לעבען וועלס, דיטעטשד בריק רעזידענץ, 8 רומס, הייסע וואסער באהייצונג, אוק פלארס, בעסטע מציאה אין ענעקס.

$1475. דריי ־ רומיגער קאטעדזש איין בלאק פון דאפרין און עגלינטאן, לאט 25 ביי 150, $200 קעש.

פאט און ראדזשערס, 510 לומסדען בילדינג, מיין 6226.
1301-6-3))

צו פארקויפען שניידער סטאר קליינינג און פרעסינג אויף דזשעראַרד סטריט גאראנטירט א לעבען צו מאכען ביליג רענט לאנגער ליעס מוז גלייך פארקויפט ווערען פרעגען 60½ דעניסאן עוו.
5472)

סטארס אויף יאנג, בלור, קאלעדזש און קווין סטריטס צו פארקויפען, אויך הייזער אויף בארדען, מארקהעם, פאלמערסטאן, גרייס, קראפארד און אנדערע סטריטען. אויב איהר ווילט קויפען אדער פארקויפען טעלעפאנירט פאר אפּאינטמענט טריניטי J 4920
5467)

צו פארקויפען 6 רומיגע הויז זעהר ביליג פרעגען 32 ליפינקאט סטריט.
5471)

צו פארקויפען דיינינג רום סעט פרעגען 454 דאנדעס וועסט
5469-6-2)

צו פארקויפען אן אייז קרים פארלאר בארגיין פארן שנעלען קויפער לאנג איינגעטרייט פרעגען 168 מיקאל סטריט.
1340)

62 הונדערט יוקליד סאליד בריק 8 רומס אלע קאנוויניענס פופצעהן הונדערט קעש.

62 הונדערט מענינג נארט אף קאלעדזש סאליד בריק 8 רומס אלע קאנוויניענס פופצעהן הונדערט קעש.

28 הונדערט קאטעדזש מארקהעם סטריט אלע קאנוויניענס 6 הונדערט קעש.
טריניטי W 2456
פרעגען 7 בעלוויו פלייס
1339)

איבערצוגעבען א קלינינג און פרעסינג אין בעסטען ביזנעס געגענט. זעהר ביליג. אורזאכע אויפ'ן פלאץ לאנגען ליעס. פרעגען 157½ פאלמערסטאן עוועניו טעלעפאן טריניטי J 3930
5452)

צו פארקויפען א הויז פראנט בריק פארנעם עלעקטריק דאבעל סעלער אריינפאר. גרויסער בארגיין נאכפרעגען 29 סאליוואן סטריט.
5451

צו פארקויפען צעהן סעקשאן מאשינען זעהר ביליג סינגער מאשינען 3120. פרעגען 63 וועלינגטאן וועסט טאפּ פלאר.
5442)

גראָסערי אייז באקס צו פארקויפען גוט ווי ניי זעהר ביליג פרעגען 263 פאלמערסטאן עוועניו
5408)

צו פארקויפען א הויז, דער אייגענטימער פארלאזט די שטאדט, וועט פארקויפט ווערען פאר 7800 דאלאר, ניין רומס און סאנרום, סקווער פלען, קאמבינישאן באהייצונג, אוק פלארס, לייז, 41 ביטרים סטריט.
5476)

טעלעפאן עדלייד 5615

דר. ס. קייטס

דענטיסט
218½ קווין וועסט
(קארנער מיקאל סטריט)
טאראנטא.

געלט צו אנטלייען

אויב איהר דארפט געלט אויף ערשטע, צווייטע אדער דריטע מארטגיידזשעס סעקיוריטי, טעלעפאנירט אדער זעהט מיך

מ. קאפלענס

81 ליפינקאט סטריט.
טריניטי J 6952

פארלאנגט

Want Ads.

פארלאנגט א מיידעל צו לייכטע הויז ארבייט. בלויז 4 רומס צו אטענדען, א גוטע היים, גוטע וויידזשעס פאר די ריכטיגע פערזאן. פרעגען 374½ יאנג סט.
1285-6-1)

פארלאנגט פליטערס און באטאן מייקערס, גוטע וויידזשעס, סטעדי ארבייט. פרעגען ראיעל באטאן און פליטינג קא. 262½ קווין סטריט וועסט.
5438-6-2)

פארלאנגט א פארטנער צו אן אלט עסטאבלישט סקוירט און דרעס ביזנעס מיט א קליינעם קאפּיטאל, מוז פארשטעהן דעם ליין אדער זיין א סיילסמאן, גאראנטירט א שעהנעם לעבען צו מאכען. שרייבט „זשורנאל" באקס 689.
5400-6-1)

קארפּענטער ארבייט, הויז רעפּיירינג פארלאנגט. קאצמאן. טעלעפאן טריניטי W 6369.
1274-6-9)

י. ראזען

פיהרט און אדיט ביכער. פילט אויס אינקאם טעקס פארמס, מאכט איבערזעצונגען, און שרייבט פאר אייך בכלל.
70 בעלוויו עוועניו, טריניטי 6672 דזשיי.

דישעס

צו פארקויפען אויף חתונות, פארטיס, און באנקעטען. צופרידענהייט גאראנטירט. פרעגען 17 באלדווין סטריט.
5221-6-18)

ביזנעס שאנסעס

Business Chances

פייפער הענגינג און פיינטינג

איך מאך די בעסטע דזשאבס אין פיינטינג און פייפער הענגינג. גוט און ביליג. בעסטע צופרידענהייט. טעלעפאנירט גלייך. טריניטי F 8316
מ. קירשענבוים, 100 דעניסאן עוו.

טשעסטערפיעלדס

טשעסטערפיעלד סעטס געמאכט צו ארדער. די בעסטע מאטעריאל און ארבייט גאראנטירט. סייפט דעם ריטיילערס פראפיט. מיר מאכען אויך ריפּיירס.
ניו־יארק טשעסטערפיעלד קא. 398 קאלעדזש סט. טעל. טריניטי J 5839
994-6-6)

איך נעהם אן צו אויסגראבען סעלערס אפענע אדער אונטער הייזער. טעלעפאנירט טריניטי J 9176. דזשייקאב ביינדער.
5187-6-15)

דער פייפער הענגער און פיינטער

איך מאך באקאנט מיינע קאסטומער אז איך מאך די בעסטע ארבייט אין פייפערען און פיינטען פאר די ביליגסטע פרייזען צופרידענהייט גאראנטירט.
שאפּירא 65 גרענדוש עוועניו.
טעלעפאן טריניטי W 9108.
אדער טריניטי J 1561
5239-6-30)

פייפער הענגינג און פיינטינג

די אסינגטאנער פיינטינג און וואלפייפער סטאר לאזט וויסען זייערע קאסטימער אז מיר פיינטען און דעקארייטען אייערע הייזער צו די ביליגסטע פרייזען. אויך פארקויפען מיר פייפער צו די ביליגסטע פרייזען. גרויסער בארגיין אויף פיינט און וואל־פייפער. ניט אונז א טרייעל. טעלעפאנירט לייקסייד 0947 אדער לייקסייד 7581 — 166 אסינגטאן עוועניו. אייגענטימער **סעם קאטץ.**
5411-6-27)

גרויסע בארגיינס

אין פייפערהענגינג און פיינטינג דורך'ן גאנצען מאנאט דזשון, ווערען געמאכט פון באוואוסטען פייפערהענגער

א. קאַץ

44 וואנלי סט. טעלעפאן טריניטי 0504.
5456-6-5)

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפּאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן אדעלייד 3087

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
10 TERAULEY ST

צו פארענטען

To Let

צו פארענטען צו א סאקריפייס פרייז אכט מעטאלענע גאראדזשעס אין דזשעראַרד סטריט וועסט, נעער יאנג סט. לאט 62 ביי 31. ווערען פארענט צו 8 דאלאר א מאנאט יעדער. זיך ווענדען צו דזשענעראל טראסט קארפּאריישאן, 253 בעי סטריט. טעלעפאן: עלדזשין 4371
1270-6-1)

צו פארענטען אן אסעמבלי האל מיט רומס. פאסיג פאר מיטינגען. דענסעס, קלאבס א. ז. וו. פרעגען קארנער קווין און ספּעדיינע אין פיקפארד טעאטער
5368-6-1)

צו פארענטען 3 רומס, סינק אין קיטשען, עלעקטריק פיקסטשורס, ניי דעקארירט. פאסיג פאר א קליינער פאמיליע 21 דאלאר א מאנאט. פרעגען 43 סט. פעטריק סטריט.
5422-6-1)

צו פארענטען אדער צו פארקויפען א הויז מיט אלע קאנוויניענס. פרייז 4300 דאלאר פרעגען 20 בעלוויו עוו.
5413-6-2)

צו פארענטען א שעהנעם 3 רומיגען פלעט, סינק אין קיטשען, הארדוואוד פלארס, עלעקטריק, אלע קאנוויניענס. פרעגען 229 בעווערלי סטריט.
5415-6-1)

צו פארענטען א שעהנע פלעט פון 3 אדער 4 רומס, אלע קאנוויניענס, גאז עלעקטריק פיקסטשורס סינק אין קיטשען טעלעפאן, ניי דעקארירט. פרעגען 217 ליפּאנקאט סטריט.
5439-6-1)

צו פארענטען 2 רומס מיט עלעקטריק ספּערעט גאז, סינק אין קיטשען און טעלעפאן צום נוצען. 35 קענזינגטאן עוו. טעלעפאן טריניטי 2615.
5375-6-1)

צו פארענטען א ניי דעקארירטען סטאר מיט רומס. פרעגען 326 דאנדעס סטריט וועסט.
5396-6-1)

צו פארענטען א קארנער סטאר מיט 6 רומס. פרעגען ביי מר. גאלד, 562 דאנדעס סטריט וועסט. טעל. טריניטי W 7257.
5440-1-2)

צו פארענטען א שעהנעם פורנישד רום ביי א קליינער פאמיליע, טעלעפאן צום נוצען. פרעגען 31 אקספארד סט. טעלעפאן טריניטי J 1761.
1317-6-1)

אן אפּ־טו־דייט 3 רומיגען פלעט צו פארענטען, אלע באקוועמע קאנוויניענס סינק אין קיטשען. אויך א גאראדזש צו פארענטען. 450 יוקליד עוועניו.
5432-6-1)

צו פארענטען 2 אדער 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס, הארדוואוד פלארס ביי א יונגער פּאר פאלק, טעלעפאן טריניטי 7671 אדער עדלייד 7040.
5410-6-1)

צו פארענטען אדער פארקויפען 568 דאנדעס וועסט א הויז פון 9 רומס אלע קאנוויניענס, טעלעפאנירט טריניטי 7003 אדער טריניטי W 7275.
1136-6-5)

צו פארענטען א סטאר מיט 5 רומס גאראדזש אין 844 דאנדעס וועסט צווישען יוקליד און מענינג. פרעגען 780 דאנדעס וועסט.
5402-6-1)

102 נעסאו צו פארענטען 7 רומיגע הויז ניי דעקארייטעט אלע קאנוויניענס. פרעגען טריניטי W 7941
1337-6-2)

צו פארענטען א פלעט מיט אלע קאנוויניענס פרעגען 375 מארקהעם סט.
5453)

צו פארענטען א פלעט פון 3 אדער 4 רומס סטים היט עלעקטריק פיקטשורס סינק אין קיטשען טעלעפאן צום נוצען טריניטי W 0538, 12 בעלוויו עוועניו.
5464-6-2)

צו פארענטען 4 אדער 5 רומס מיט אלע קאנוויניענס, ספּערעט ענטרענס 2 באלקאניס, עלעקטריק פיקטשורס. פרעגען 546 דאנדעס וועסט.
5465-6-3)

צו פארענטען איינע אדער 2 רומס אין לאנג ברענטש פרעגען 22 סאפאהא סט.

צו פארענטען א שעהנע פארנישט רום אין א שעהנע הויז 88 בראנזוויק עוו. טריניטי F 5240.
5463)

צוויי פלעטס צו פארענטען אין 157 מיקאל סטריט, פאסיג פאר א ביזנעס מאן אדער פאר א שוהל ביליג רענט. פרעגען אויפ'ן פלאץ.
5474)

צו פארענטען איינע אדער 2 רומס אין לאנג ברענטש פרעגען 22 סאהא סט.
5462)

צו פארענטען א פלעט פון 3 אדער 4 רומס אלע קאנוויניענס ניי דעקארייטעט 30 פהיבי סטריט טעל. עדלייד 1975
5470-6-2)

צו פארענטען 2 רומס ניי דעקארירט מיט אלע קאנוויניענס 16 דאלאר א מאנאט פרעגען 128 ראבערט סטריט.
5457)

קויפען און פערקויפען

Bought and Sold

א בארגיין צום שנעלען קויפער, א סאליד בריק זומער האטעל, 16 רומס מיט א סטאר, עלעקטריק, פורניס, לעבען לייק, לעבען א סטיישאן, 40 מייל פון טאראנטא מיט אייגענע ארדערס פאר דעם זומער. פרעגען מר. דובינסקי, 75 ראבערט סטריט, טעלעפאן טריניטי W 7235.
5398-6-3)

איבערצוגעבען אן אייז קרים פארלאר, זעהר ביליג. 614 דאנדעס וועסט.
5437-6-1)

א גרויסער בארגיין צום שנעלען קויפער, זעהר א פיינעם לעבען צו מאכען. צו פארקויפען ליידיס רעדי־טו־וועיר סטאר, 6 רומס סאליד בריק אלע מאדערנע קאנוויניענס. אורזאכע אויפ'ן פלאץ 1289 סענט קלעיר עוועניו.
5431-6-1)

צו פארקויפען ביליג א מענער מאשין מיט אן עלעקטריק מאטאר, א קאנטער און א שאו קייס, טעלעפאן עדלייד 1960.
5426-6-1)

6 הונדערט דאלאר איינצאהל קויפט סטאר מיט 5 רומס, 129 אגוסטא. יעצט קלינינג און פרעסינג. גוט פאר יעדער ביזנעס. פרעגען אויפ'ן פלאץ.
5417-6-1)

צו פארקויפען א סטאר מיט 9 רומס אלע גוטע קאנוויניענס, גאז, באטה עלעקטריק, אלע מאדערנע קאנוויניענס, 167 מיקאל סטריט.
5409-6-1)

צו פארקויפען א נייע אווערלענד קאר, נאך ניט גענוצט. דער קויפער קען זיך אויסקלייבען וואס פאר א סטייל קאר ער וויל. די קאר וועט פארקויפט ווערען מיט 200 דאלאר ביליגער. א ריכטיגער בארגיין צו דעם וואס וויל קויפען א 1924 קאר. פרעגען שריפטליך „זשורנאל" באקס 300.

צו פארקויפען פארשידענע מענער ווארעס, ליידיס ווארעס, סילקס, גינגאם, וואוילס, פליין פענסי ראטאני טול, מאלדאווער טיקינג און טייבעל קלאטס, אלעס צו דזשאבינג פרייזען, גאראנטירט צופרידענהייט, ווען ניט באקומט איהר אייער געלד צוריק, ריטייל אדער האלסייל, פופציג סענט אויפ'ן דאלאר. פאר אייער אייגענעם בענעפיט פרעגען ה. סטיצקי 762 דאנדעס וועסט.
טעלעפאן טריניטי W 9570
5441)

גראמאפאן, גרויסער מאהאגאני קאבינעט מאדעל, אלע נייעסטע אימפּרואוומענטס, אויסגעצייכענטער טאן, ווערט $150, וועל אפּגעבען פאר $45, 31 סעלעקשאנס, וועל קומען נאך אייך אין מיין קאר אויב איהר ווילט עס זעהן. רענדאלף 3697.
1304-6-1)

צו פארקויפען 4 טייבעל מאשינען, 2 קעפּס און ½ הארס פאור מאטאר. פרעגען 72 בעלוויו עוועניו.
5299-6-1)

פראפּערטיס צו פארקויפען

$28000, היי פארק בולווארד, סאָקריפייס, באקוועמליך, דיטעטשד, סאליד בריק רעזידענס, 10 רומס. געבויט אונטער דער אויפזיכט פון אן ארכיטעקט און דעם איצטיגען אייגענטימער. שטיינערנער פונדיישאן, הארדוואוד פלארס און טרים, גרינטליך אימפּרואווט, אויל היטינג סיסטעם, צוויי קאמפּלעט באטהס מיט שאורס. פיעל אנדערע אטרעקטיווע פיטשורס וואס מען קען בלויז געפינען אין הייקלעס הייזער. גרויסע און פראכטפולע גראונדס. דיזעס הויז קאסט מיט טויזענטער מעהר צו אויסבויען. בלויז זעקס טויזענט דאלאר קעש. מען קאן גלייך באזיצען. פרעגען ביי מ. לאק, 771 וויקטאריא סטריט, מיין 5891.
5388-6-1)

איבערצוגעבען א דזשענעראל סעקאנד העננד סטאר מיט אדער אהן סטאק 8 רומס, קליינע רענט, בעסטער געגענד פון שטאדט, מאכט א פיין לעבען. עס באצאהלט זיך אפילו אין איין שלעכטער צייט. פרעגען ווילסאן 557 קווין וועסט אדער באזין 85 יארק סטריט.
5430-6-1)

איבערצוגעבען א קלינינג און פרעסינג ביזנעס, אויף 388 קינג סטריט איסט, אורזאכע אויפ'ן פלאץ.
5425-6-1)

צו פארקויפען אויף בראנזוויק עוו. 8 רומס, צוויי פלעטס, בעק ליין. פרייז $4,350 קעש $1,500. פרעגען 351 יאנג סטריט.
5129-6-2)

א פלאץ פאר א גאראדזש צו פארקויפען אדער וועט בילדען א גאראדזש פאסיג פאר'ן טענענט אין ריער 39 יוראן סטריט ליין אויף דריי זייטען פרעגען שולמאן מיין 4359.
1335-6-2

צו פארקויפען א סטאר אדער צו בייטען אויף דאנפארט עוועניו גוטען געגענד לייכטע טערמס בארגיין פרייז. פרעגען טריניטי 7786
5473

ווייל עס איז די בעסטע

"SALADA"

TEA

האט דעם גרעסטען סייל פון עני פעקעל טיי אין נארט אמעריקא. פרובירט עס.

אין „פאלים קאורט"

ער ווייס ניט וואס א ביבעל איז.

קאראאיל !״

ראטעוועט !

א אינגעל פון זיבען יאהר האט נעכטען אפיציעל ערקלעהרט, אז ער הויבט ניט אן צו וויסען וואס איז אזוינס א ביבעל און מיט וואס מען עסט אזא מאכל ווי א שבועה.

„אין וואס פאר א סקול געהסטו ?״ האט די מאדאם גערעכטיגקייט א פרעג געטון מיט א ביסטערן קוק אויפ׳ן וועוריק.

„אין סענט פרענסיס סקול״, האט דער וועוריק אפגעענטפערט.

אזוי גאר ! א אינגעלע געהט אין א הייליגער שילבעל, און הויבט ניט אן צו וויסען וואס א ביבעל איז !

שלעכט !

און נאך ערגער ווערט די דאליע, ווען מען דערוויסט זיך, אז עפעס א משוגענער מענש האט זיך דערבארימט אויפ׳ן וועוריק און האט מיט איהם באגאנגען א חטא, וואס איז א בזיון אויסצוזאגען פאר לייטען.

„ניין !״ האט די גערעכטיגקייט א זאג געטאן מיט כעס. „אויב דאס אינגעל ווייסט ניט וואס איז אזוינס א ביבעל און וואס איז אזוינס א שבועה, ווערט דער פראצעס אינגאנצען ארויסגעווארפען פון קאורט״.

און אזוי איז געבליבען.

דאס אינגעל געהט אהיים, און די פראגע וואס אזוינס איז ביבעל בלייבט הענגען אין דער קיהלער לופט — ניט אהין און ניט אהער.

איז דאס טאקע אזוי טראגיש, אז עס ווילט זיך וויינען...

מען לאטכענט געז

נאכדעם ווי מען האט באגנב׳עט עטליכע גרויסע קלויסטערס און מען האט אויסגעלעדיגט די קעשענעס פון עטליכע פראמינענטע בירגער, האט מען זיך א נעהם געטאן צו דער געז־קאמפאניע און מען וויל איהר פון ביזנעס ארויסשטופען.

פון וואנען ווייסען מיר דאס ?

מיר האבען עס נעכטען געהערט און געזעהן אין די טויערען פון דער מאנסבילשער גערעכטיגקייט אהין האט מען געבראכט א אידענע מיט׳ן הייליגען נאמען מיסעס יאטשיק, די געזעצליכע ווייבעל פון מיסטער איוואן יאטשיק — הפנים א געוועזענער אונטערטאן פון צאר ניקאלאי, עליו השלאבעל.

ווען די אידענע איז אויפ׳ן באלעמער ארויסגעטראטען, האט מען דערציילט א טשיקאווע מעשה, וואס לייענט זיך ווי א שונד־דראמע פון איציקעל זאלאטארעווסקי. עפעס האט די אידענע פאצאפעט א פייפ און האט עס צוגעטשעפעט צום אויוועז און האט געפאמפעט געז אהן א פעני געלט !

האט די גערעכטיגקייט געזעהן, אז מען האט געוואלט בדלות שטעלען א קאמפאניע, און זי האט נעפסק׳ענט אז די אידענע מוז אריבער ווערען מיט א קאפיטאל פון גאנצע צוואנציג דאלארען אין הוצאות התחנה. דערנאך האט זיך אבער די גערעכטיגקייט געכאפט און האט דעם גרויסען פראצעס אפגעלעגט ביז דעם 27־טען יוני.

משיח׳ס צייטען ! אז מען לאטכענט שוין געז, איז א סימן אז מען וועט נאך איינגיבען אוועקשלעפען דעם סיטי־האל מיט׳ן גאנצען פאליצייסקען דעפארטמענט מיט דער גערעכטיגקייט אינאיינעם...

מען שלעפט פון קעלער.

צווישען די עטליכע יונגעלייט, וועלכע האבען זיך דערבארימט אויף עטליכע גימענע רעדער און האבען זיי אוועקגעשלעפט מיט די כשר׳ע הענט, האט זיך אויך געפונען א אינגעל מיט׳ן נאמען יאנקעלע קאהען. די פאליציי דערציילט, אז אזוי גיך ווי א דעטעקטיוו איז אריין צום גליקליכען טאטען אין הויז און האט געוואלט ארעסטירען יאנקעלען, האט זיך דער בעל דבר באהאלטען אין קעלער.

מילא באהאלטען איז באהאלטען !

האט אבער דער דעטעקטיוו לאנגע הענט, און ער האט דאס בחור׳ל ארויסגעשלעפט פון קעלער און האט איהם געבראכט אין שטיבעל פון די נעבראכענע הערצער. דארט האט מען דעם גאנצען פלאנטער אויסגעפלאנטערט און מען האט באשלאסען, אז די גאנצע חברה געהט אין קעלער. בקיצור איינער פון זיי, איינער א וויליאם מארי, געהט אהיים ביז׳ן 27־טען יוני. די אנדערע געהען אין קעלער אויף צוויי יאהר אהן א טאג.

און־ווא ! אבי מיר האבען געמיינט אז דער קעלער איז דער איינציגער ערטעל, וואו א מענש קאן זיך באהאלטען אין צייט פון א געפאהר...

BRAUNSTEIN FRERES PARIS
ZIG ZAG ZIG ZAG
3

גרויסער דאבעל ביכעל 120 בלעטלאך — בעסטע אין דער וועלט

ZIG ZAG

סיגארעט פאפיר

בלויז 5c

פארמיידעט נאכמאכונג

די בענק אף נאווא סקאשיא

אויסלענדישע דרעפטס געקויפט און פארקויפט

מיר האבען גרויסע פארבינדונגען מיט אויסלאנד און מיר קאנען ארויסגעבען דראפטס פאר ענגלאנד, פראנקרייך, דייטשלאנד, עסטרייך, פוילען, יוגא־סלאוויא, טשעכא־סלאוואקיא, און כמעט אלע פרעמדע לענדער.

אונזערע אפישעלס געפינען זיך אין לאנדאן און ניו יארק. דירעקטע טעלעגראפישע „וויערס" צו מאנטרעאל און ניו־יארק. בעסטע עקסטשענדזש רייטס.

קאפיטאל — $9,700,000
רעזערוו — $19,000,000

THE BANK OF NOVA SCOTIA

קווין און מעקאל סטריטס
ה. סאטערלאנד, מענעדזשער
ספעדיינא און דאנדעס,
ס. ב. נאאמב, מענעדזשער.

מיידלאך און ווייבלאך

ארדערט אייערע דרעסעס ביי

מרס. גלאסמאן

מיט 5 דאלאר א דעפאזיט קענט איהר ארדערען די שעהנסטע און סטיילישסטע דרעסעס צו ביליגע פרייזען. אויב ניט צופרידען קריגט איהר אייער געלט צוריק. מיר מאכען אויך מיט אייער וואַרע, גוט און ביליג.

16 בעלוויו עוועניו
טעלעפאן טריניטי J 0538

איינער פון דיזע „עדס" וועט געהערט ווערען—

פריהער אדער שפעטער וועט יעדע טאראנטאר פרוי באגרייפען אז עס באצאהלט זיך ניט צו וואשען פיעל וועש אין דערהיים. ווען דיזע לאנדרי טוט די ארבייט אזוי גוט און אזוי ביליג.

פינף פארשידענע סערוויזעס גיבען אייך אירגענד־וועלכען סכום הילף וואס איהר פארלאנגט פון איינפאכען וואשען ביז „סעמי־פינישד״, וועלכעס שיקט אייך פאקטיש אלעס אהיים גרייט צו ניצען. יעדער „וואש״ ווערט און ריינע זייף, טעלעפאנירט היינט. געמאכט באזונדער אין ווייכע וואסער

SEMI FINISHED
TORONTO WET WASH LAUNDRY Co. Ltd.

175 אסינגטאן עוועניו
לעיקסייד : 5280.

וואס מיר האבען פארלוירען.

(פארזעצונג פון פיודוש 4.)

ניט אין סעקרעטער דעם פאפיער מיט דעם אידישען סכסוך און די פעלקער־בונד־מיטגליעדער מוזען מעלאנכאליש־געלאנגווייליגט, ווי ביי בערנארד שאו זאגען : „אך די אידען !״ און טרעטען צו דעם אידישען סכסוך אויסצוגלייכען. ביי דער לעצטער סעסיע און פאר׳ן אפפאהרען . . פינדעסטוועגען איז אי דאס ערשטע, אי דאס צווייטע, אי די באלפור דעקלאראציע א גרויסער געווינס. מיר זענען פארשריבען אין דעם אדרעס־בוך פון דער אינטערנאציאנאלער פאליטיק. דאס איז וויכטיג ביז גאר. מיר האבען עטליכע גוטע וועקסלען אין אונזער פארטפעל, מיר וועלען מאהנען. איך זאג ניט, איך פארזיכער ניט דאס מיר וועלען אויפמאהנען. מאהנען אבער וועלען מיר. פארשטעהט זיך, ווען די וועלט וועט שעהנער אויסזעהן אביסעל.

געוואונען האבען מיר גוואלדיג אין דער טעכניק אונזערע נאציאנאלע וואונדען צוהיילען. די נעץ פון די אידישע הילפס־ארגאניזאציעס בילדען אן אויסערען פראנט פון געוואלדיגער ענערגיע פון א פעהיגקייט אויף דעם מאדערנסטען אופן הילף צו ברענגען און צו ארגאניזירען. איך זאג דערפאר מיט א ביון אויסערען פראנט, ווייל לײדער ווערט אט דאס געווינס אין א באדייטענדער מאס פאראליזירט דורך ניט גאר גוטע ווירקונגען מאראלישע, עסטעטישע, וואס אט די צווייגען פון אונזער געזעלשאפטליכען לעבען, האבען אויף אונזער גייסטיגען מצב געהאט.

און דארף מען ניט אנדערש א צייניסט זיין, אום די חלוצים צו באוואונדערען ? איז עס ניט איינע פון אונזערע שעהנסטע געווינסען ? ארעם אין פעהיגקייט, אין שטילען באשיידענעם העלדענטום איז איצט די וועלט געווארען, אזוי פארגרעבט איז זי, אז אפילו קריסטליכע שריפטשטעלער רופען זיך גייסטיג אפ ארום דער החלוץ־ערשיינונג. און וואס נאך ? איך האב מורא אז ניט באזונדערס פיעל. די ערפאהרונגען וואס דער ציוניזם קאן פארצייכענען, איז דערוויילי אין אט דעם ניט זעהר גינסטיגען פאר אונז מאמענט, הויפטזעכליך אין, דעם, וואס א סך גרופען פון דער אידישער אסימילירטער אינטעליגענץ אין אייראפא, קומען צו דעם באוואוסטזיין, דאס דער ציוניזם איז א נויטווענדיגקייט. אויף זייער באוואוסטזיין אמת ווירקט ניט אזוי די פראפאגאנדע פון די ציוניסטען, ווי די פראפאגאנדע פון די אנטיסעמיטען.

ווען איך וואלט מיך אבער אפילו באמיהען נאך געוואונענע אויפצוזוכען, וועט דאך אזוי זיין, אז מיר האבען געוועהנליך פיעל מעהר פארלארען איידער געוואונען פונדעסטוועגען : מוט, מוט ! ווען מיר פלעגט ווערען אמאל שטארק אומעטיג אויפ׳ן הארצען פון די בילדער, וועלכע איך פלעג מיר אליין אויסמאהלען, בילדער פון אידישען לעבען, און וועלכע זענען געווען בילדער פון דער ווירקליכקייט, אבער בעסער, מיט שטארקע אויפגעפענטע און גוזעהענע ווירקליכקייט, דאן פלעג איך ליעב האבען זיך צו באגעגענען מיט א באקאנטען אידישען סטאטיסטיקער, וועלכער פלעגט מיט זיין אומדערשיטערליכען אפטימיזם פארטרייבען אביסעל דעם ארמעט. איבער אן אויסגעשפרייטער גרויסער געאגראפישער קארטע פלעגען מיר זיך איינבויגען, און דער סטאטיסטיקער פלעגט מיט זיין פינגער ארומוויזען איבער די ערטער פון אידישען איינפלוס, פון אידישער מאטעריעלער און גייסטיגער שטארקייט און אז אידען ווערען — אין דער וועלט מעהר און מעהר, ניט קוקענדיג אויף אלץ, אז — זעהט איהר — אט דא אין דער פארוואָרפענסטער וועלט־נענענד. וואו א אידישער פוס איז ביז ניט לאנג קיינמאל ניט געווען, שטעהט שוין א בית המדרש, און א איד פארקריכט אזש אהער, און אויף מיין פראגע : ווי באטראכט איהר די לאגע אין אלגעמיין ?״ פלעגט דער סטאטיסטיקער דורך די ברילען קוקען אויף מיר מיט זיינע פארוואונדערטע אויגען און זאגען : „גלענצענד ! איך באטראכט די לאגע אלס גלענצענד !״ אך, דער סטאטיסטיקער איז אביסעל נאאיוו, ווי עס זענען מענשען, וואס האבען נאר צו טאן מיט דער וועלט פון ציפערען. אבער מערסווירדיג, אויפגעמונטערט, געשטארקט פלעג איך דאך שטענדיג פון איהם אוועקגעהן אין אראפגערעכענדיג 95 פראצענט פון דעם, וואס ער האט אנגערעכענט, איז דאך 5 פראצענט געבליבען, און אין אט די פינף איז געווען מעכטיג צו שפירען דער ווילען צו לעבען, ניט אנטערציגעהן, ניט קוקענדיג אויף אלץ.

אן אפיעל

פריינד : — קומט מיט מיר אין קלוב און לאמיר שפילען א פינאקעל

דאקטאר : — אנטשולדיגט, איך האב איצט קיין צייט ניט. איך מוז לויפען צו א געפעהרליכען חולה.

פריינד : — א, זייט דאך ניט אזוי הארציאו, שענקט דעם פאציענט נאך א שטונדע לעבען.

שוואך, אויסגעדארט און קרענקליך

לידיא ע. פינקהעמ׳ס וועדזשעטייבעל האט געבראכט הילף ווען אנדערע מעדיצינען האבען פארפעהלט

פארט מעו, ב. ס.—„איך האב איינגענומען לידיא ע. פינקהעמ׳ס וועדזשעטייבעל קאמפאונד, ווייל איך בין געווען מיעד און אויסגעמאטערט. איך האב געהאט קאפשמערצען און האב ניט געהאט קיין אפעטיט און איך בין באאומרוהיגט געווארען צוויי יאהר צייט מיט שלאפלאזיגקייט. איך האב אויסגעפרובירט פילע מעדיצינען, אבער קיין זאך האט מיר ניט געטאן ווירקליך גוטעס. וועהרענד איך האב געוואוינט אין וואשינגטאן האט מיר א פרעמדע רעקאמענדירט צו איינגעהמען לידיא ע. פינקהעמ׳ס וועדזשעטייבעל קאמפאונד. איך בין שטארקער און איך פיהל פיין זינט דאן, און איך בין אומשטאנד צו טאן אירגענד־וועלכע הויזארבייט. איך בין ווילינג צו לאזען אייך נוצען דיזע פאקטען אלס א טעסטימאניעל.״ — מרס. דזש. ס. גריעווס, פארט מעו, ב. ס.

פיהלט נייע לעבען און קראפט

קיעז, נ. ה.—„איך בין געווען שוואך און אויסגעצעהרט און האב געהאט היטען־ווייטאג און אלערליי טראבעלס פון פרויען האבען. איך האב געפונען גרויסע הילף ווען איך האב איינגענומען לידיא ע. פינקהעמ׳ס וועדזשעטייבעל קאמפאונד. איך טו אלץ וואס איך קאן צו אדווערטייזען עס.״—מרס. א. פ. העמאנד, 72 קארפענטער סט., קיעז, נ. ה.

קראנקע און שוואכע פרויען איבעראל אין קאנאדע דארפען פרובירען לידיא ע. פינקהעמ׳ס וועדזשעטייבעל קאמפאונד.

צווישען די טעאטערס

פאלא נעגרי אין היפאדראם

פאלא נעגרי, די בארימטע מאווי־אקטריסע, וועמעס נאמען עס קלינגט איבער דער גאנצער וועלט, וועט היינטיגע וואך געזעהן ווערען אין היפאדראם. זי וועט געוויזען ווערען אין דער שעהנער און פראכטפולער פראדוקציע „מענער״. דאס ווערק איז געשריבען געווארען פון דימיטרי בובאוועצקי. און אין דער אויפפיהרונג האבען זיך באטייליגט די גרעסטע שוישפילער פון דער שטילער ביהנע.

דער מוזיקאלישער פראגראם איז ווי אלע מאל פיין און מעלאדיש, און דער ארגעל איז פונקט אין איינקלאנג מיט דער שטילער, געמיטליכער סביבה פונ׳ם טעאטער. אויסער דער הויפט־„פיטשור״ ווערט אויך געוויזען א ספעציעלער בולעטין פון אלוועלטליכע נייעסען. עס ווערט אויך דורכגעפיהרט א קורצער וואדעוויל־פראגראם פון דאס פיינסטע און ראפינירטעסטע נומערען, וואס איז צו זעהן אויף וואדעוויל־ביהנע.

טאם מיקס אין לאו׳ס טעאטער

דער נאמען פון דער מאווי־פראדוקציע, וואס ווערט די גאנצע וואך געוויזען אין דיזען טעאטער, איז „לײדים טו באארד״. דאס איז א שעהנע פראדוקציע מיט אלע מעלות פון די שעהנסטע און רייכסטע מאוויבילדער. דער הויפט־אקטיאר פון דער פראדוקציע איז טאם מיקס. דאס בילד איז פול מיט שפאנענדע און העכסט־אינטערעסאנטע מאמענטען, און עס איז גאר קיין ספק ניט, אז אלע וואס וועלען עס אנקוקען וועלען זיין זעהר צופרידען.

דער וואדעוויל־פראגראם באשטעהט אלע מאל פון די נייעסטע און אמוזאנטסטע נומערען. פאר היינטיגער וואך האט די פארוואלטונג צוגעגרייט א ים מיט פרעהליכע און העכסט־קאמישע נומערען, וואס יעדער איינער דארף זעהן. עס איז דא פון כל־טוב. עס הויבט זיך אן מיט געזאנג און עס לאזט זיך אויס מיט טענץ און אקראבאטישע קונצען. בקיצור : עס איז שוין די אמת׳ע וואך !

פרעהלאך אין פענטיידזשעס

אין פענטיידזשעס טעאטער איז פאר דער היינטיגער וואך צוגעגרייט געווארען א ים מיט שעהנע און אמוזאנטע „פיטשורס״. עס איז צוגעגרייט געווארען פון פויגעל־מילך. די פארוואלטונג האט זיך אונטערגענארטעלט און האט אראפגעבראכט די בעסטע וואדעוויל־קרעפטען פון דער אמעריקאנער וואדעוויל־ביהנע.

אלס הויפט־אטרעקשאן ווערט די גאנצע וואך געוויזען א העכסט־שעהנע און אויסגעצייכענטע פיטשור. וואס וועט אריבערשטייגען אלץ וואס איז ביז איצט געוויזען געווארען אויף דער שטילער ביהנע. עס וועט זיין א נחת־רוח צו אנקוקען דאס בילד. עס וועט זיך יעדען איינעם באצאהלען צו קומען אין טעאטער או זעהן די אויסגעצייכענטע נומערען, וואס מען האט היינטיגע וואך צוגעגרייט.

זי דינגט זיך ניט

מיידעל : — וואס קאסט א יארד פון דעם דאזיגען סאמעט ?

קרעמער : — פאר אייך, שעהנע פריילין, קאסט עס בלויז א קיש.

מיידעל : — אלזא, גוט ! שניידט אפ צעהן יארד און שיקט עס מיר אהיים. מיין באבע וועט דא מארגען זיין, וועט זי אייך באצאהלען.

ליעבע

(א מעשה׳לע)

אידיש פון שרה רייזען.

דאס גאנצע לאנד איז געווען פארדעקט מיט טרויער, ווייל זינט דער קייזער איז געווארען אן אלמן, האט ער פארווארפען זיינע מלוכה ענינים און האט טעג אין געבעט פארבראכט און טרעהרען ביי דעם בילד פון זיין פארשטארבענער פרוי.

דאס בילד האט ער אליין געמאלט.

יא, בלויז צוליעב דעם האט ער זיך אויסגעלערנט מאהלען, ווייל א מאן, וואס האט אזוי הייס געליעבט ווי ער, איז געווען פיינליך צו דערלעבען א פרעמדען איבערצוגעבען אויפ׳ן לייוונט די געליעבטעסטע שטריכען.

און קינסטלער האבען נאך א געוויסע געוואוינהייט צו באקוקען זייער מאדעל, א געוואוינהייט, וועלכע געפעלט ניט שטארק די אייפערזיכטיגע מענער. דערצו נאך גיבען די קינסטלער ניט איבער דעם בילד אלעס, וואס זיי זעהען, עטוואס פארבאהאלטען זיי נאך פאר זיך אין די אויגען, אפשר אין הארצען... אזוי האט וועניגסטענס געטראכט דער קייזער און דאס האט ער ניט געקענט דערלאזען אויף קיין פאל אין דער וועלט.

דאס בילד פון דער קייזערין איז געבליבען, ווי זיין איינציגע טרייסט. אהן טרעהרען האט ער ניט געקענט קוקען אויף דאס בילד, און דאך וואלט ער ניט אפגעגעבען זיין שמערץ פאר אלע פרייד פון לעבען. אומזיסט זענען געקומען מיניסטארען און האבען העפליך געמאלדען : „הער, עס קומען צו אונז אן אומרוהיגע ידיעות, דער מלך פון ארמען געהט אויף אונז מיט זיין גרויסען חיל״. דער קייזער איז געבליבען קאלט צו זייער גרויסען שרעק, און האט ווייטער פארבראכט נעבען בילד פון זיין געליעבטער פרוי.

איינמאל אין א פריהמארגען איז ער שטארק צערענדיג געווארען און האט שיעור ניט דערהרג׳עט זיין קאמערהער, דערפאר וואס יענער האט געוואגט זיין מאיעסטעט צו דערמאהנען, אז עס וואלט שוין צייט געווען צו געבען דאס לאנד א צווייטע קייזערין, — מעג זי זיין א בת־מלכה אדער אפילו א דארפס־מיידעל — אומבאגרייפליך ! האט דער קייזער אויסגעשריען אויסער זיך פאר צארן, ווי וואגסטו נאך מיר צו געבען אזוינע שענדליכע עצות ? הייסט עס, איך זאל ניט בלייבען טריי דעם אנדענקען פון דער ליעבסטער צווישען די קייזערינס ? געה אוועק גלייך, אויב דו ווילסט אוועקטראגען גאנץ דיין קאפ, אבער איידער דו געהסט אוועק זאלסטו וויסען, אז היינט מעלדען אלעמען, אז קיין איין פרוי וועט ניט ארויף אויף מיין טראהן אויב זי וועט ניט זיין עהנליך צו דער, וועלכע איך האב אנגעווארען, אויב זי וועט ניט זיין עהנליך ווי צוויי טראפען וואסער אויף דאס בילד פון דער פארשטארבענער קייזערין.

זאגענדיג די דאזיגע ווערטער האט דער קייזער געוואוסט, אז ער פארפליכטעט זיך מיט גארנישט, ווייל ווי וועט זיך דאס אויף דער גאנצער וועלט קענען געפינען א פרוי וועלכע זאל גלייך זיין צו איהר צו זיין איינציגער. זי איז געווען די שעהנקייט אליין. און די נאטור שאפט ניט צוויי מאל קיין פאלקאמענהייט. אך, אויף אייביג זענען פארשוואונדען די טיעפע, שווארצע אויגען. די וואונדערבארע האר, קאליר פון שווארצען האלץ, לאנגע און טונקעלע, אז זיי האבען זי אין א מאנטעל פארדעקט און האבען זי עהנליך געמאכט צו דער געטין פון נאכט. פארשוואונדען דער הויכער, בלייכער שטערען, דאס שעהן געשניצטע מויל, מיט דעם באחנ׳טען שמייכעל, וואס האט אויפגעעפענט צוויי רייהען בלענדענדע ווייסע צייהן. ניין, עטוואס עהנליכעס האט מען ניט געקענט געפינען אויף דער גאנצער וועלט ! אפילו די בת־מלכה צו וועמענס וועגען אלע גוטע פייען האבען געבראכט זייערע בעסטע מתנות, האט אויך ניט געקענט האבען אזוינע טונקעלע האר, אזוינע טיפע אויגען, אזא שטערען און אזא מויל.

* * *

זיינען דורכגעגאנגען חדשים, פארשוואונדען טעג און יאהרען, און דער טרויער פון קייזער האט זיך אלץ ניט געביינערט.

די ידיעות פון ארמען זענען געווארען אלץ אומרוהיגער, אבער דער קייזער האט זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף דער געפאהר. די מיניסטארען האבען אין נאמען פון קייזער געהעכערט די מיליטער־שטייערען, אבער אנשטאט צו שיקען חיל אויף צו באשיצען דאס לאנד. האבען זיי דאס געלט געלייגט אין זייער אייגענע קעשענעס, און דאס לאנד איז איבערגעגעבען געווארען דעם ווילקיר פון בלוטדורשטיגען שונא.

די אומצופריעדענהייט איז געווארען אלץ שטארקער און שטארקער, אלץ אפטער און אפטער האט דאס פאלק באלאגערט דעם פאלאץ. דאס פאלק איז געקומען מיט בקשות און אנקלאגעס.

אבער פארזונקען אין טרויער האט דער קייזער וועגען גארנישט געוואוסט און גארנישט געזעהן, אויסער דאס בילד, וואס האט איהם דורך זיין צויבער ארומגערינגעלט מיט אומזעהבארע קייטען.

האט זיך געטראפען איינמאל אין א פריהמארגען איז דער קייזער דורכגעגאנגען צום פענסטער און האט דערהערט, אז עמיצער זינגט דארטען. דאס איז געווען א וואונדערליבע שטימע, א הילכיגע און א פרישע, ווי דער מארגען־געזאנג פון פויגעל.

דער קייזער איז געווארען איבערראשט. ער האט געמאכט עטליכע טריט. האט זיך אנגעשפארט מיט׳ן שטערען אן שויב, אראפגעקוקט אונטען און ניט געקענט פארבארגען זיין באגייסטערטען אויסגעשריי. ניין, קיינמאל האט ער ניט געזעהן עטוואס שעהנערעס פאר דער יונגער פאסטושקע, וואס האט דארטען אונטען געטריבען איבערן לאנקע איהר סטאדע.

אזוי העל און באשטראהלט איז זי געווען, אז עס האט זיך אויסגעדוכט, אז איהרע האר באגילדען די זון, און ניט די זון באגילט זיי.

איהר שמאלער שטערען איז עטוואס ראז געווען, ווי א בלום, וואס לאזט זיך נאר־וואס פאנאנדער; די אויגען זענען געווען אזוי ליכטיג ווי דער קאיאר, און דאס מויל אזוי קליין, אז אפילו ווען עס האט זיך אויפגעעפענט צום זינגען, האבען זיך נאר בלויז געזעהן א פאר פערעל־צייהן.

נאך ווי דער קייזער איז ניט געווען באצויבערט, איז ער דאך שנעל אפגעגאנגען פון פענסטער, פארדעקט מיט די הענט זיין פנים, א פארשעהמטער, וואס ער האט גאר געקענט פארגעסען זיין געליעבטע געשטארבענע קייזערין. דערנאך האט ער זיך אראפגעלאזט אויף די קניה פארן בילד, האט געוויינט פון ניט געטרייסטען שמערץ, און האט מעהר ניט דערמאהנט, אז פארביי פענסטער איז אדורכגעגאנגען מיט געזאנג די פאסטושקע.

— אך, האט ער מיט וועה געזאגט : — דו ווייסט דאך, אז מיין פארטרויערט הארץ וועט שטענדיג געהערען צו דיר ! קיין איין פרוי קאן ניט זיין עהנליך אויף דיר. זיי פארלאנגען איך זאל זיי געבען א צווייטע קייזערין, אבער דאן וועל איך קענען אויף דעם איינגעהן, ווען דיין בילד וועט אפלעבען און וועט אראפגעהן צו מיר.

ווען אויף דעם אנדערען טאג האט דער קייזער באטראכט דאס בילד פון זיין געליעבטען ווייב, האט איהם באהערשט א שווער געפיהל. ער האט אטראכט געטאן און געזאגט צו זיך : ווי וואונדערבאר ! איז דען אין צימער פויכט ? דאס בילד איז שרעקליך שווארץ געווארען. איך געדענק גוט, אז מיין פרוי האט געהאט אזוינע טונקעלע האר ווי אויפ׳ן בילד. ניין, געווים. זיי זענען ניט געווען דעם קאליר פון שווארצען האלץ. איך דערמאהן זיך דייטליך, אז דא און דארט האבען געהעלט גילדערנע פאסען. מיין געליעבט ווייב האט דערמאהנט די געטין פון ליכט, נישט די געטין פון נאכט.

באלד האט ער געהייסען ברענגען פארב און פענזעל און גלייך פאררייכט דאס, וואס האט קאליע געמאכט די ביינאכטיגע פייכטקייט.

— דאנק דיר גאט ! האט ער אויסגעשריען. אט זעה איך ווידער די זעלבע שמעקעדיגע גילדערנע האר, וואס איך האב אזוי שטארק ליעב געהאט, און וועלכע איך וועל אייביג ליעבען. און באהערשט פון גליק און שמערץ, האט ער אנגעבויגען די קניה פארן בילד, וועלכעס איז איצט אינגאנצען געווען עהנליך אויף דער פארשטארבענער קייזערין, און האט איהר ווידער געשווארען אייביגע ליעבע און טרייהייט.

אבער קענטיג, אז א בייזער גייסט האט פארפיהרט מיט איהם א שפיעל. ווייל אין א דריי טעג ארום האט ער ווייטער געמוזט פאררייכטען דאס בילד.

— ווער האט עס געמאכט ? האט ער מיט פארצווייפלונג אויסגעשריען. ווער האט געוואגט צולייגען די האנט צו דעם געמעל פון מיין קייזערין ? פון וואנען האט זיך דאס פלוצלינג גענומען דער ראזיגער הויכער בלייכער שטערען, איך האב גאט צו דאנקען, א גוטען זכרון, איך געדענק אז איהר שמאלער שטערען איז פריש און ראז, ווי אן ערשטע פארנאנדערגעגאנגענע בלום.

מיט דער הילף פון דעם פענזיל האט ער אראפגעלאזען די גילדערנע האר און האט באפארבט דעם שטערען מיט בלייך ראזע פארב.

איצט איז ער געווען צופריעדען און זיין הארץ האט געפלאטערט פאר ליעבע ווען ער האט געקוקט אויף דאס אומגעביטענע בילד.

אבער וועה געשריען ! אויף דעם אנדערען טאג איז נאך ערגער געווען. איצט איז איהם געווארען קלאהר, אז א בייזער גייסט רייצט זיך מיט איהם : ווייל ווי אזוי האבען זיך עס געקענט איך אזוי פיעל אומבייטען די אויגען, דאס מויל ! — ניין ! קיינמאל האט זיין געליעבטע ניט געהאט אזעלכע שווארצע אויגען, אזא גרויסען מויל, אז עס זאלען זיך זעהן אלע ציינער.

— ניין און ניין ! די אויגען, וואס האבען אמאל אויף איהם אזוי ליעבליך געקוקט, זיינען געווען בלוי און ליכטיג ווי דער מארגענהימעל און דער מויל איז געווען אזוי קליין, אז ווען אפילו א ליעד א קוש אדער א שמייכעל פלעגט פאנאנדערשליסען די רויטע ליפען, האבען זיך נאר געזעהן א פאר קליינע פערעל צייהן.

דער קייזער האט מיט וועה געפיהלט דעם טיעפען שמערץ וואס האט איהם אדורכגענומען, בעת ער האט געקוקט אויף דאס בילד וואס האט צונישט געמאכט אלע זיינע טייערסטע זכרונות. אך, ווען ער וואלט קענען אנכאפען דעם בייזען

(פארזעצונג אויף פידוש 6.)

SUMMER RESORTS

Erindale Clifton Garden Inn

איז יעצט אפען פאר דעם זומער סיזאן.

מיר נעהמען יעצט אויף אפליקיישאנס שריפטליך אדער ביי טעלעפאן פרייזען זעהר מעסיג, גוטע שפייז גאראנטירט, שעהנע לופטיגע רומס, וואסער צום באדען זיך.

עס איז בלויז איין האלבע שטונדע רייזע מיט דער באס גלייך ביז צום פלאץ.

דירעקשאנס :

נעהמט דאנדעס קאר ביז ראנימיד ראוד. נעהמט קוקסוויל באס ביז אירענדייל, בלויז 15 מייל פון טאראנטא.

אויך צו פארענטען 8 רומיגע הויז קאמפליט געפורנישט, עלעקטריק באלייכטונג, הארדוואוד פלארס פיין דעקארירט, גאראדזש און גרובט

אויך אנאנסירען מיר דאס מיר האבען ערעפענט איין אייז קרים פארלאר און כשר לאנטש רום. פרייע פארקינג.

J. FRANKLIN, ERINDALE
Tel. Cooksville 94. R. 5.

טאראנטאר פובליקום

איך לאז וויסען אז איך האב אויסגעפיקסט דאס שעהנסטע זומער פלאץ, וואו איהר קענט פארברענגען אייער וואקיישאן און „וויק ענדס" לעבען לייק, לעבען סטיישאן. יעדען טאג פרישע עסענס, טשיקענס, פיש, אייער, מילך, וועדזשעטייבעלס. מיין גוטער אטענשאן איז אלעמען באוואוסט. ספעציעלער פרייז פאר יוני שרייבט אדער רינגט אין צייט. פארהאן אויך מוזיק זיך צו אמוזירען.

F COOPER
Bowmanville, Ont., Tel. 28 Ring 15

פארברענגט אייער וואקיישאן

אין א גוטען, צופרידענעם, שעהנעם זומער פלאץ אין לייק סגוגאר, ביידינג, פישינג, און שווימינג, מוזיק און אנדערע אמוזירונגען.

גוטע, פרישע מאהלצייטען, טשיקען דינערס און אנדערע באקוועמליכקייטען.

שרייבט אדער טעלעפאנירט צו :

אייזיק צענערס
PORT PERRY
בעל 213 פאר ארענזשמענטס.
אפען פאר רעזערוויישאן.

א שעהנער זומער פלאץ

אויב איהר ווילט פארברענגען גוט אייער וואקיישאן, האבען שעהנע רומס און גוטען עסען — דאן פאהרט צו

שאכמאנ׳ס פארם

אין וויוויען, אנט.

שרייבט אדער טעלעפאנירט
מאונט אלבערט 1620.

H. SHACKMAN
VIVIAN ONT.

איהר קענט זיך אויך אנפרעגען ביי מרס. הערמאן, 574 דאנדעס איסט.

טעלעפאן מיין W 1476

Cunard Line — פרייפייד ביזנעס — Anchor-Donaldson Line

קויפענדיג אייערע טיקעטס אריבערצוברענגען אהער פריינט אדער קרובים. זעהט אז זיי זאלען פאהרען אויף איינער פון דיזע ליינס.

די קאמפאניע האט אפיסעס אין אלע אייראפייאישע צענטרען. אריינרעכענענדיג רוסלאנד און אוקראינע. נייע גרויסע סטימערס — גוטע שפייז, אויסגעצייכענטע באקוועמליכקייט. געלט קיין רוסלאנד קען יעצט אויסגעצאהלט ווערען אין דאלארס — דאס איז דער בעסטער וועג צו שיקען געלט צו אייערע קרובים. פאר אינפארמאציעס פרעגט ביי אונזערע לאקאלע אגענטען אדער ביי

The ROBERT REFORD CO., Limited
217 Bay St, Toronto

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper In The Province of Ontario.
PUBLISHED BY
CANADIAN JEWISH PUBLISHING Co. Ltd.
251—253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967
Subscription Rates $6 PER YEAR, $3.50 SIX MONTHS
Single Copy — 3 cents
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O. Toronto Ont.
January 22nd 1913

זשורנאליסטישע אפמאכען דארפען געהאלטען ווערען

מיר גלויבען, אז דער ברייטער עולם דארף אלעס וויסען וועגען דער געשיכטע, און דארום דערצעהלען מיר עס.

דינסטאג דעם 20־טען מאי, איז אין מאנטרעאל, אינ׳ם פריוואטען אפיס פון לייאן קאהען, פארגעקומען א פריוואטע קאנפערענץ וועגען אימיגראציאנס־ענינים. ביי דער קאנפערענץ זענען אנוועזענד געוועזען, לייאן קאהען, ס. בעלקין פון דער „יק״א, ה. וואלאפסקי פונ׳ם „אדלער״, א. ריינזוויין פונ׳ם „זשורנאל״, און א געוויסער נאדלער פון דעם מאנטרעאלער ועד העיר.

ביי דער פריוואטער קאנפערענץ איז ארומגערעדט געווארען אלזייטיג די אימיגראציאנס־פראגע, עס איז איבערגעגעבען געווארען אז עס איז געלונגען צו פועל׳ן ביי דער רעגירונג, אז אויף די זעקס טויזענד ערלויבנישען, וואס די יק״א האט באקומען פאר די פליכטלינגע, זאלען אויך היגע קרובים קענען אריבערברענגען זייערע פאמיליעס, און אז מען גלויבט אז ארום 2500 מענשען וועלען קענען געבראכט ווערען אויף אזא אופן, די איינציגע באדינגונג פאר אזעלכע „פערמיטס״ איז, אז זיי מוזען קומען דורך בוקארעסט, רומעניען. ביי דער קאנפערענץ האט מען אויך גערעדט וועגען א רייהע טעכנישע זאכען, ווי אזוי אויסצוטיילען די ערלויבנישען, אז אלע זאלען ארויסגעגעבען ווערען דורכ׳ן יק״א אפיס, און זאלען יושר׳דיג צוטיילט ווערען צווישען אלע געגענטען, פריי אהן שום קאסטען. עס איז אויך גערעדט געווארען וועגען דעם, אז עס ווערט אראנזשירט, אז א מאנטרעאלער איד, מר. לעווין, וועט אפפאהרען קיין איירָאפּע, און האבען דעם קאנטראל איבער דער גאנצער זאך, און זעהן אז אלעס זאל צוגעהן אין ארדנונג.

צום שלום פונ׳ם קאנפערענץ איז אויך באשלאסען געווארען, אז דערווייל זאל קיין זאך ניט פארעפענטליכט ווערען אין דער פרעסע, ביז וואנען אלע דעטאלען וועלען אויסגעארבייט ווערען. און דאן זאל דער באריכט צושיקט ווערען דורך דער „אידישער טעלעגראפען אגענטור״ גלייכצייטיג צו אלע צייטונגען.

דאס איז געוועזען אלעמענס פארשטענדניש. וואס איז אבער דער רעזולטאט?

מיטוואך, דעם 28־טען מאי איז אין „מארגען זשורנאל״, פון ניו־יארק, ערשינען א מאנטרעאלער טעלעגראמע, אז „קענעדער רעגירונג מאכט יעצט אלע פארבארייטונגען אריינצוברענגען אין לאנד ארום אכט טויזענט אידישע פליכטלינגע״. מילא ווי אזוי עס איז אויסגעוואקסען צו אכט טויזענט ווייסען מיר ניט, אבער שולדיג איז אין דעם ניט דער „מארגען־זשורנאל״, נאר דער אינפארמאטאר. דאס איז אבער נאך ניט אלעס, ווייל דאנערשטאג דעם 29־טען מאי איז אין „קענעדער אדלער״ ערשינען די נייעס, ניט איבערטריבען, נאר ווי באריכטעט ביי יענער קאנפערענץ.

און די פראגע פרעגט זיך. דער רעדאקטאר ־ ארויסגעבער פונ׳ם „אדלער״ איז ביי דער קאנפערענץ געוועזען דער פארשלאגער פון דעם, אז קיין איינציגע צייטונג זאל ניט זוכען אויסצוכאפען די נייעס, נאר אז עס זאל דורך דער „איטא״ איבערגעגעבען ווערען צו אלע אידישע צייטונגען — ווארום זשע האט דער „אדלער״ געבראכען דעם אפמאך?

דארפען זשורנאליסטישע אפמאכען ניט געהאלטען ווערען?

דער „זשורנאל״ איז די גאנצע צייט געבליבען טריי צום אפמאך, וואס איז אבער מיט יענער צייטונג וועלכע טראגט איבער איהר קאפ אויף דער ערשטער זייט — „די ערשטע און גרעסטע אידישע צייטונג אין דער דאמיניאן״?

עס האנדעלט זיך ניט וועגען דעם פון אויסכאפען נייעס, אבער דארף ניט די זשורנאליסטישע פראפעסיע אויך האבען איהר עטיק

—:0:—

איז דאס טאקע דער אנהויב?

די קייבעל־דעפעשען, וואס זענען אנגעקומען פון וויען, דערצעהלען וועגען א צוזאמענשטויס, וואס איז פארגעקומען צווישען רוסישען און רומענישען מיליטער אויף דער בעסאראביש־רומענישער גרענעץ, און אז עטליכע רומענישע סאלדאטען זענען דער׳הרג׳עט געווארען. ווייטערדיגע ידיעות פעהלען. מען ווייסט ניט ווי אזוי דער צופאל האט רעאגירט אויף די צורודערטע מחות פון די רומענישע מיליטאריסטען; מען ווייסט ניט ווי אזוי די רומענישע פרעסע האט זיך אויף דעם אפגערופען.

קלאהר איז אבער, אז אין רומעניע איז מען גערן צו געפינען א תירוץ, וואס זאל כלומר׳שט פאר דער אויסערליכער וועלט בארעכטיגען אן אנפאל אויף סאוויעט־רוסלאנד. אין די רומענישע מיליטערישע קרייזען האט מען שוין לאנג געווארט אויף אזא גינסטיגען מאמענט. דארט אינטריגירט מען טאג־טעגליך און מען רייצט די עפענטליכע מיינונג קעגען די הערשער פון רוסלאנד. די מיליטערישע מאנעווערעס, וואס רומעניע האט באשטימט צו דורכפיהרען היינטיגס יאהר אין די גרענעצען פון בעסאראביע, ווייזען ווי ווייט מען וויל אנשרעקען די געגנט און אריינווארפען א פחד, ווייל ווען ניט דאס — צוליב וואס האט מען עס עפעס גראד באדארפט באשטימען צו דורכפיהרען מאנעווערעס אויף אן אנעקסירטער טעריטאריע?

וועט עס אבער באמת פיהרען צו א מלחמה צווישען רוסלאנד און רומעניע? אין רוסלאנד איז מען זעהר ווייטליך פון דעם. דער רוסישער קריגס־מיניסטער, לעאן טראצקי, האט ניט איין מאל געזאגט בפהרסיא, אז רוסלאנד וועט זיך צוליב בעסאראביע אין א מלחמה ניט אריינלאזען מיט רומעניע, ניט אזוי ווייל רוסלאנד איז שטארק פרום און זי וויל ניט אנריהרען דעם האנאר פון רומעניע, נאר ווייל עס לוינט זיך פשוט ניט פאר רוסלאנד צו מקריב זיין פרישע לעבענס פאר א שטיק טעריטאריע — מעג אפילו די טעריטאריע האבען א גרויסע באדייטונג פאר דער רוסישער באפעלקערונג. און דער שכל דיקטירט, אז אזוי דארף עס טאקע זיין, ביים ברעסט־ליטאווסקער שלום־טיש האט רוסלאנד פארלארען פיעל מעהר איידער די בעסאראבישע טעריטאריע. דארט האט רוסלאנד כמעט מיט׳ן אייגענעם ווילען אוועקגעגעבען שטיקער טעריטאריע, וואס זענען יאהרען און יאהרען געלעגען אונטער דער ממשלה פון דער אלטער צארישער מאכט.

און וואס האט זיך אויסגעלאזען? איז דען רוסלאנד צוליב דעם אונטערגעגאנגען? די אלטע רוסישע מאכט האט געהאלטען אונטער איהרע אימפעריאליסטישע פליגעל פאלעסיע. אין ברעסט־ליטאווסק און אויף די אנדערע קאנפערענצען האט מען די טעריטאריע פון פאלעסיע איבערגעגעבען אין די הענט פון דער פוילישער מאכט. פאלעסיע איז סיי־ווי־סיי ניט געוועזען רוסיש.

בעסאראביע איז איצט דער צענטראלער פונקט, ארום וועלכען עס דרעהט זיך די רומענישע פאליטיק. פאר רומעניע איז בעסאראביע דער־אלין, דער עיקר, דער אקס פונ׳ם נאציאנאלען וואגען. די רומענישע פריצים, יענע פינסטערע און רעאקציאנערע מכשפים פון מאכט און בלוט, זענען פאראינטערעסירט אין בעסאראביע. און זיי העצען טאג־טעגליך קעגען רוסלאנד. עס איז אבער זיכער, אז די העצעריען וועלען צו קיין מלחמה נ י ט פיהרען, סיידען רומעניע וועט בכיון פראוואצירען צו א מלחמה; סיידען זי וועט הייסען איהרע סאלדאטען צו אטאקירען רוסישען מיליטער, כדי צו שאפען א מלחמה.

וואס מיר האבען פארלוירען

פון שמריהו גארעליק

(צווייטער ארטיקעל)

די בלוטיגע יאהרען פון קריעג, די בייזע יאהרען נאך דעם קריעג האבען א טיעפען אפגרונט אויפגעמאכט און האבען פארשלונגען דאס רוסישע יודענטום. גיטא עס איז א קאטאסטראפע פון גרעסטען, מורא׳דיגסטען פארמאט. זי האט נאך דערווייל, אט די קאטאסטראפע ניט געפונען איהר מקונן, איהר באקלאגער, איהר שילדערער. עס איז באמת א מין פארשלונגען ווערען נאך אן ערד־ציטערניש. דאס רוסישע יודענטום, וואס האט שטענדיג געשפיעלט די הויפט־ראליע, די אנפיהרערין אין אידישען פאלק, וואס איז אידיש פאלק, נאציע, געווען. דאס רוסישע יודענטום האט אזוי ווי אויפגעהערט צו עקזיסטירען. גרויסע פארשפרייטע קאלאנען פון אט דער גרויסער אידישער ארמעע פיהרען א וואגעל־לעבען, א נע־ונד לעבען אין דער גארער וועלט, פרוּווען זיך מאכען היימיש, אויף וועלכען עס איז אופן אבי אויף אן ארט בלייבען, אין די ראנד־שטאאטען, אין די הויפט־שטעדט פון איירָאפּע. די פאר מיליאן אידען, וואס זענען געבליבען אין רוסלאנד — פון זיי הערט מען גארנישט. ווי לעבט זיך זיי? וואס טוען זיי? ווי זעהט אויס זייער פארגעדערט פנים? פונקט ווי זיי וואלטען געווען פארווארפען אויף יענער זייט סמבטיון. מען הערט פון זיי ווייניגער ווי מען פלעגט הערען פון די קאראימען, ווי מען הערט עפעס פון א פארווארפענעם, פארגעסענעם שבט.

עס איז געווען זיכער, אז אויך צווישען די עטליכע מיליאן פוליסירט לעבען, זאמלען זיך גייסטיגע כחות. אפשר ווערען אט די פארגעסענע נאך אמאל פארוואנדערען אונז מיט פרעהליכע, געהויבענע נייעס. אפשר אין דער שטיל זיצט דארט און זאמעלט זיין גייסט, א גרויסער דיכטער, א באדייטענדער דענקער. אפשר וועבען זיך צווישען ד׳ רואיגען רעליגיעזע באוועגונגען. אבער ביז גאר שמערצליך איז דער געדאנק, אז דאס רוסישע אידענטום, וואס האט גערעדט צו דער וועלט מיט דער פולע שפראך פון אייגענארטיגקייט, פון שטארקען פיהלען, פון בונטער פארביגקייט. דאס רוסישע אידענטום, וועלכעס מען האט אומעטום געהערט, איז איצט שטום, ווי פארניכטעט, ווי אויסגעשטארבען אלענפאלס פילשטענדיג אויסגעשפיעלט, גאר קיין דעה־זאגער אין אידישען לעבען. קאן דען אבער דאס אידישע לעבען עבט זיין, קאן עס דעם דעם פריהערדיגען שטארקען, אימפאזאנטען, ווירדיגען קלאנג האבען, ווען דער הויפט־שפיעלער, די הויפט־מיטרייד׳ער פעהלט? עס איז ניט א טעאטער, פון וועלכען די הויפט־פארשטעלער די ערשטע קרעפטען זענען אוועק און געבליבען זענען נאר די שוישפיעלער, וועלכע מען פלעגט פארווענדען אויף די צווייטע ראליען, געבליבען זענען נאר די רעזערווען. יא, דאס איז דאס ריכטיגע ווארט מיר ארבייטען, מיר באוועגען זיך אין דער איצטיגער וועלט נאר מיט אונזערע רעזערווען. מיר ארבייטען און באוועגען זיך גאנץ גוט. מיר ענטוויקלען א גאנץ באדייטענדע מאס־ענערגיע די שונאים אונזערע, וועלכע זענען באזונדערס אין די לעצטע יאהרען אזוי שטארק אין צאהל געוואקסען, מיינען אז עס באוועגט זיך א געוואלדיגער, א ריעזען קראפט, וואס וויל אלץ איינגעהמען. מיר, מיר אידען, אבער וויסען גוט אונזער וואונד. מיר וויסען אז עס זעהט נאר אויס אזוי ווי עפעס גאנצעס ריהרט זיך, ווייל מיר האבען די פלאנקען צונויפגעצויגען און אין דער לעצטער שעה א נייעס פראנט געבילדעט. אבער אין דער אמת׳ן באוועגט זיך א צוקאליעטשעטער, א צובראכענער גוף, פון וועלכען דער חוט־השדרה פעהלט, פון וועלכען דער צענטער פעהלט — דאס רוסישע יודענטום.

ווען עס איז דא א נאפאלעאן פון גייסט, דאן פאסירט עס אז די פארנאנדערגעריסענע קאלאנען זאמלען זיך אין אויסערגעוועהנליכער באגייסטערונג צונויף און מאכען שטוינען די וועלט מיט ביישפיעלען פון גרעסטע העלדענטאטען, נו, דעם גליק האבען מיר ניט געהאט. קיינער האט איהם איצט ניט. ווייל אין דער אטמאספערע פעהלט איצט דאס ערהאבענע, דאס גרויסע, דאס גוטע. וואס איז דא צו רעדען? מיר לעבען אין א העכסט־מיאוס׳ער צייט, און זי האט אויך אויף אונז צושטערענדיג געווירקט. דער אידעאליזם פון דער אידישער אינטעליגענץ, פון דער אידישער יוגענט, וועלכער איז איינציג געווען, מיט וועלכען מיר פלעגען שטאלץ זיין, איז אויך צוריבען געווארען אודאי זענען מיר נאך אלץ געווען ארעם, גראד איצט, אפילו איצט, ניט קוקענדיג אויף אלץ, האבען נאר מיר אידען אויפגעוויזען אזא וואונדערבארע ערשיינונג ווי די חלוצים־באוועגונג. ביי אן אלטען נגיד פארוואלגערט זיך אלע מאל אביסעל עבטעס גאלד, פיינער, גוט־געארבייטער זילבער און אלטער פארצעלי. אבער בלינד דארף מען ניט זיין. די רעשטען פון אמאליגער נגידות דארפען אונז ניט אפנארען פון דער גרויסער ארימקייט, פון דער גרויסער גייסטיגער ארימקייט.

שטערעבערטום, קאריעריזם, אנגעשמידט זיין אן דאס טאג־טעגליכע, עס האט אויך פארכאפט גרויסע טיילען פון דער אידישער אינטעליגענץ, וועלכע האט פריהער פארמאגט די ליעבע צום ווייטען, צו דעם וואס איז נאך ניט היינט, נאר צו דעם וואס איז ערשט מארגען, וואס איז ערשט אין דער צוקונפט. א גרויסער טייל פון אט דער אידישער אינטעליגענץ, וועלכע זיצט זיך אין ביוראס פון אונזערע פארשידענע אינסטיטוציעס, וועלכע פילען אויס די פיהרענדע ראליען אין אונזערע פארשידענע פארטייען, קערפערשאפטען, קאן מען גארניט דערקענען, ווי עפעס א נייע הויט האבען זיי אויף זיך אנגעצויגען. ניין, באמת, פריהער האבען זיי שעהנער אויסגעזעהען. אט די ערשיינונג, וועלכע ווי עס איז צו האפען וועט נאר א פארבייגעהענדע זיין, האט צוזאמען מיט נאך א סך אנדערע ערשיינונגען, צושטערט דעם חלום, וואס פיעלע פון אונז האבען געהאט, דעם חלום, דאס אנשטאט דעם פארלארענעם צענטער פון דעם רוסישען יודענטום, וועט זיך אפשר איינגעבען גלייך א נייעס, אין אמעריקא, וואו דער גוטער גורל האט געזארגט. דאס דארט זאלען זיך געפינען גרויסע אפגעשפארטע אידישען מאסען. דער גוטער גורל, זאג איך, באמת מיר וואלטען אפשר געדארפט א דענקמאל אויפשטעלען דעם רוסישען גענעראל איגנאטיעוו, וועלכער האט פראוויצירט די ערשטע אידישע פאגראמען אין רוסלאנד. די פאגראמען זענען אין פארגלייך מיט די איצטיגע, מיט די מאדערנע אין דער לעצטער צייט, נאר א שפיעלכעל געווען, א קליינער ריס אויף דעם קערפער פון א פאלק. אבער די גייסטיגע, די מאראלישע ווירקונג איז געווען א געוואלדיגע, ווייל זי איז געווען די סיבה פון דער גרויסער אידישער עמיגראציע, פון דעם ערשטען גרויסען אידישען אפפאהרען. אוממיטעלבאר איז א רוסישער גענעראל געווען די סיבה פון א געשיכטליכען פראצעס. אוממיטעלבאר האט ער געצוואונגען א טייל פון אידישען פאלק אריבערשווימען צו דער נייער וועלט, און אויף אזא אופן האבען מיר אפגעשפארט די געוואלדיגע רעזערווען.

גבענטשט זאל זיין דער גורל, וואס האט עס אזוי געפיהרט. די וועלט איז צו שלעכט, צו אומקרעדיטפעהיג און עס איז שטענדיג א געפאהר דעם גאנצען פארמעגען, אלע אידען אין איין ארט צו קאנצענטרירען. האבען מיר זיי, געפיהרט דורך אן אומזיכטבארער פריינדליכער האנט, פארטיילט, פארזייט איבער אלע לענדער, כדי טאמער ברענט אפ ערגעץ־וואו, זאל אין אן אנדער ארט א פארטיגער בנין זיין. ווי וואלטען מיר אויסגעזעהן נאך דער קאטאסטראפע וועלכע האט געטראפען אהן דעם אמעריקאנישען יודענטום, אהן די אנדערע פארשידענע אידישע קהלות אין פארשידענע ווייטע וועלט־געגענדען? וואס פאר א דימענסיעס די קאטאסטראפע וואלט אנגענומען, ווען מיר וואלטען דאס ניט געהאט. וועגען דעם צו רעדען איז איבעריג. יעדער פיהלט עס; יעדער ווייסט עס. פונדעסטוועגען איז דער חלום, וועלכער איז צו אונז אויף א ווייל צו געקומען, דאס אמעריקע וועט אפשר נאך דעם אויסשפיעלען פון דעם רוסישען אידענטום געבען דעם ביישפיעל פון דעם אינטענסיווען נאציאנאלען אידישען לעבען ניט מיט דער קוואנטיטעט נאר מיט דער קוואליטעט פאר א חלום געבליבען, און עס פארקלענערען זיך די מעגליכקייטען דאס עס קאן אמאל א ווירקליכקייט ווערען. דאס אמעריקאנישע יודענטום וועט דאך זיין און בלייבען דער געוואלדיגער רעזערוו אונזערער. ער לעבט נאך איצט פון דעם אפקלינגען, אפוויברירען פון דעם פריהערדיגען אידישען צענטער. זיין אידיש לעבען, זיין אידיש פיהלען — ווי מיר פארשטעהען עס — נאך אלץ ערינערונג, איז נאך אלץ פעדים, וואס ציהען זיך צו דאס אלטע, צום רוסישען אידענטום. ווי נאר עס ווערט עפעס נייעס געשאפען, איז עס ניט קאלט, ניט ווארים, איז עס באקוועמליכער רעפארמיזם, איז עס ערזאץ־יודענטום, איז עס לאנגווייליגעס יודענטום, ניט אהין און ניט אהער. אט פארוואס מיר דארפען מיט טרויער קוקען אויף דעם, וואס מען פארשפארט די טויערען און מען שליסט אפ די גרעניצען. מיר דארפען קוקען אויף דעם מיט טרויער ניט נאר אליין דערפאר, וואס הונדערטער טויזענטער אידען, וואס וואגלען איצט ארום, וואגלען זיך, לעבען ווי הינט בפועל־ממש, האבען ניט קיין ווינקעל וואו צו געהן, וואו אפצורוהען. די עמיגראנטען, וואס ווארטען ארום די פארשלאסענע טויערען, זיי זענען נויטיג אלס לעבעדיגע ערינערונג, אלס פארבינדונגס גליעדער פאר די אמעריקאנער אידען, צו דאס אלטע צו דאס ניט לאנג פארגאנגענע.

* * *

און נון מוז איך כאטש מיט עטליכע ווערטער דערמאהנען און וואס אונזער געוויסנס באשטעהט פאר די לעצטע יאהרען. א שווערע אויפגאבע. דען ווען איך זאל אנהויבען מיט דער באלפור־דעקלאציע, וואס ניט קוקענדיג אויף אלע שמעלערונגען, אויף אלע פארקירצונגען און אומערווארטענדיגע אויסטייטשען, איז דאך א דאקומענט פון גרויסער וויכטיגקייט, א דאקומענט וואס איז אריין אין דער געשיכטע און וואס האט דעם ציוניזם ארויפגענומען אויף דעם פארום פון דער אלוועלטליכער פאליטיק. ווען איך זאל אנהויבען מיט דער באלפור־דעקלאראציע, האב איך מורא אז איהר וועט זאגען דאס צו אט דעם געוויסנס האט איהר זיך שוין שטארק צוגעוואוינט און אז אפט נאך באפט מען זיך אויף פון אן אומבאקוועמען געפיהל וועלכעס באשטעהט אין דעם, נעמליך: דאס די וואס האבען דעם געווינס געגעבען, די מתנה געגעבען, מאכען אפט אנשטעלען די מתנה ניט פעסטער און אייער האנט איינדריקען, נאר פארקעהרט: מען רוקט עס אלץ אפ ווייטער פון אייך, און עס זענען פאראנען אזוינע, וואס ווילען עס אזוי אויסטייטשען, דאס עס איז לכתחלה גאר קיין מתנה ניט געווען, נאר עפעס וואס גאר אנדערש.

אדער זאל איך דעם פעלקער־בונד דערמאהנען, וואו אידישע צרות ווערען אמאל אויסגעהערט, וואו עס זיצען עטליכע אידישע גוטע פריינד? יא, דער פעלקער־בונד! אין בערנארד שא׳ס שטיק ״צעזאר און קלעאפאטרא״ איז דא זעהר אן אינטערעסאנטער מאמענט. צעזאר, נעמליך, איז שוין גרייט אפצופאהרען פון עגיפטען. ער האט שוין די צעלטען געהייסען צונויפלעגען, די טראפען אין געשענקען איינפאקען. ער האט זיך שוין מיט קלעאפאטרא׳ן אפגעזעגנט. מיט אמאל קומט צו איהם איינער פון זיינע גענערעלער און זאגט איהם, אז ער דארף דאך נאך א סכסוך אויסגלייכען, א סכסוך מיט אידען. ״אך, די אידען!״ זאגט צעזאר פארשעהמט און אביסעל מעלאנכאליש. איך טראכט אפט, אז אזוי אומגעפעהר מוז עס אין דעם פעלקער־בונד צוגעהן ביי דעם דעבאטירען פון א אידען־פראגע. ביי דער לעצטער סעסיע, ווען אלע זענען שוין מיעד אין די קאפערס זענען שוין אין די האטעלען פארפאקט צום אפפאהרען, דאן הפנים רעדלאנגט וועלכער

(פארזעצונג אויף פיידזש 3.)

דער איד אין קאנאדע

די געשיכטע פון די אידען
אין קאנאדע ביז דער
מאדערנער צייט.

— פון —

אברהם ריינזוויין

Copyright applied for

די גרינדונג פונ׳ם ״קענעדער אדלער״ אין מאנטרעאל.

אין חודש יולי, 1907, האבען א גרופע פערזאנען באשלאסען צו גרינדען א ״פאבלישינג קאמפאניע״ מיט׳ן צוועק ארויסצוגעבען א צייטונג, און נאכדעם ווי די שותפים האבען געשאפען צווישען זיך א גרעסערע סומע געלט, איז דעם ערשטען אויגוסט פונ׳ם זעלבען יאר, ערשיענען דער ערשטער נומער פון דער צייטונג אלס א וואכענבלאט, מיט׳ן נאמען ״דער קענעדער אדלער״. אבער גאר אין גיכען האט זיך ארויסגעצייגט, אז ערשטענס איז ניטא גענוג געלט פאר׳ן צייטונגס־פאנד, און צווייטענס קען א וואכענצייטונג אי ניט דעקען די אלע אויסגאבען, און זי קען אויך ניט צופריעדענשטעלען די לעזער. מען האט דארום פארזוכט ארויסצוגעבען די צייטונג צוויי מאל אין וואך, אבער אויך דאס האט ניט געהאלפען, און די ארויסגעבער האבען דארום באשלאסען צו פארוואנדלען עס אין א טעגליכע צייטונג, און ״דער קענעדער אדלער״ האט אנגעהויבען צו ערשיינען אלס די ערשטע טעגליכע צייטונג אין לאנד. פאר דער צייט פון דעם ״אדלער׳ס״ עקזיסטענץ האבען זיך די רעדאקטארען פיעל מאל געביטען, און צווישען אירע רעדאקטארען זענען געוועזען מ. ארנסאן, ל. לאנדוי (א. וואלינער) דר. יחזקאל ווארטסמאן, נ. וו. גאלדשטיין, ב. י. גאלדשטיין, ראובן בריינין, און ה. הירש, ערשיינענדיג זייט 1922 אונטער דער רעדאקציע פון איר ארויסגעבער ה. וואלאפסקי. פאר דער צייט פון דעם ״אדלער׳ס״ עקזיסטענץ האבען זיך אויך געביטען די ארויסגעבער, געהערענדיג היינט צו טאג צו איינעם פון אירע ערשטע גרינדער — ה. וואלאפסקי, וועלכער איז אויך דער ארויסגעבער פונ׳ם ״קענעדיען דזשואיש קראניקל״.

דער ״קענעדער אדלער״, זייענדיג מערסטענס געניגט ליבעראל בנוגע דער לאנד־פאליטיק, איז אבער געוועזען אפטמאל קאנסערוואטיוו אין אידישע און ארבייטער ענינים — דאס פלעגט דארום פון צייט צו צייט ארויסרופען אומצופריעדענהייט צווישען די אנדערע קרייזען, און פארזוכען פלעגען דארום געמאכט ווערען צו גרינדען אנדערע צייטונגען.

אזוי איז אין 1912 געמאכט געווארען א פארזוך צו גרינדען א אידיש־ראדיקאלע וואכענצייטונג. עס איז געשאפען געווארען ״די פאלקס־צייטונג״, אונטער דער רעדאקציע פון ל. באזאנאוויטש, אבער זי איז ערשיענען בלויז א קורצע צייט, אונטערגעהענדיג צוליעב מאנגעל אין פינאנציעלע מיטלען. א צווייטע אפאזיציאנס־צייטונג איז געשאפען געווארען אין 1913 פון י. ל. מאלאמוט — ״דאס קענעדער אידישע וואכענבלאט״, אבער עס זענען ערשיענען פון דעם בלויז צוויי נומערן.

עס זענען אויך ערשיענען אין מאנטרעאל אנדערע אויסגאבען, ווי הומאריסטישע (״דער פיפערנאטער״, ״דער קענעדער האהן״, ״דער האמער״), ארבייטער אויסגאבען (״די ארבייטער צייטונג״) און אין 1914, גלייך נאכ׳ן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה איז אויך פארזוכט געווארען ארויסצוגעבען אן אווענט־צייטונג ״דער אבענד קוריער״, אבער די אלע אויסגאבען האבען געלאזען גאנץ ווייניג שפורען נאך זיך צוליעב דער קורצער עקזיסטענץ זייערער, באדייטענדער זענען אבער געוועזען די פארזוכען צו גרינדען א וואכענצייטונג ״דאס פאלק״ און די טעגליכע צייטונג ״דער וועג״.

אין די לעצטע עטליכע יאר פאר׳ן וועלט־קריעג, איז דער ״קענעדער אדלער״ רעדאקטירט געווארען פונ׳ם באקאנטען העברעאיש־אידישען שריפטשטעלער ראובן בריינין, אבער אין 1915, איז פארגעקומען א סכסוך צווישען דעם ארויסגעבער און ראובן בריינין, און דער לעצטער האט דאמאלס פארלאזען די רעדאקציע, גרינדענדיג אן אייגענע צייטונג ״דער וועג״ וועלכע האט אנגעהויבען צו ערשיינען אנהויב אקטאבער פונ׳ם זעלבען יאר. צווישען ביידע מאנטרעאלער טעגליכע צייטונגען ״דער קענעדער אדלער״ און ״דער וועג״ האט זיך דאמאלס ענטוויקעלט א שרעקליכער קאנקורענץ־קאמף, אין וועלכען עס איז אויך אריינגעצויגען געווארען די שנאה צווישען ראובן בריינין און דעם ״אדלער״. עס האט זיך שוין דאמאלס אנגעהויבען די באוועגונג פאר׳ן ״פאלקס־פארבאנד״ און די קאנגרעס באוועגונג, וועלכע איז ערמוטיגט געווארען פון ראובן בריינין און זיין צייטונג, און איז ממילא באקעמפט געווארען פונ׳ם ״אדלער״. אבער טראץ דעם וואס ״דער וועג״ האט באקומען א סך שטיצע פון די ברייטע געזעלשאפטליכע קרייזען, האט אבער דער ״אדלער״ געהאט דעם פארצוג פון אן עלטערער און מער באפעסטיגטער צייטונג אין געשעפטליכען זין, און טראץ אלע אנשטרענגונגען האט ראובן בריינין געמוזט אויפגעבען דעם קאמף און שליסען דעם ״וועג״.

אין יולי, 1917 איז ווידער געמאכט געווארען א פארזוך צו שאפען אין מאנטרעאל אן ארגאן פאר דער קאנגרעס באוועגונג, עס איז געגרינדעט געווארען ״דאס פאלק״, רעדאקטירט פון יהודה קויפמאן, א צייטונג וועלכע האט געזוכט צו אגיטירען פאר דער קאנגרעס־באוועגונג צווישען דער מאנטרעאלער אידישער באפעלקערונג, אבער אויך דער ארגאן האט זיך געמוזט אין גיכען שליסען צוליעב מאנגעל אין מאטעריעלע מיטלען.

אין הלכות פרעסע בנוגע מאנטרעאל דארף אויך דערמאנט ווערען דער פאל, וואס די דארטיגע פועלי ציון ארגאניזאציע האט פאר א צייט געהאלפען ארויסצוגעבען דעם ״פועלי ציון בולעטין״, דעם צענטראלען ארגאן פון דער פועלי ציון פארטיי, און מאנכע ארגאניזאציעס האבען פון צייט צו צייט ארויסגעגעבען פלוג־בלעטער, מערסטענס פאר זייערע אגיטאציאנס־צוועקען. אין די לעצטע יארען האט היימאן עדעלשטיין אויך געזוכט ארויסצוגעבען אן ענגליש־אידישע וואכענצייטונג, א. אלמי (א. ח. שעפס) א מאנאטליכען זשורנאל ״דער קוואל״, ל. מעלצער אן ארבייטער זשורנאל ״ארבייט״, א גרופע יונגע דיכטער ״רויערד״, אבער פון די אלע אויסגאבען זענען בלויז ערשיענען צו פאר נומערן (פון דער ״רויערד״ זענען שפעטער עטליכע נומערן אויך ערשיענען אין טאראנטא).

ט א ר א נ ט א.

די ענטוויקלונג פון דער אידישער פרעסע אין טאראנטא הויבט זיך אן ארום 1907—1906, ווען א דארטיגער דרוקער האט אנגעהויבען ארויסצוגעבען א וואכענבלאט ״דהי טאראנטא דזשואיש וויקלי״. די אויסגאבע איז באשטאנען מערסטענס פון מודעות מיט עטוואס לעזמאטעריאל אין ענגליש און אידיש, אבער פון א גאנץ ווערטלאזען כאראקטער, ווען יענע צייטונג איז אונטערגעגאנגען נאך א יאריגער עקזיסטענץ, האט אין 1907 א צווייטער דרוקער געמאכט א פארזוך ארויסצוגעבען א אידישע וואכענבלאט ״טאראנטאר אידישע פרעסע״. די אויסגאבע איז געוועזען פון דעם זעלבען כאראקטער. אבער זי האט נאך ווייניגער מזל געהאט, און איז אונטערגעגאנגען פיער חדשים שפעטער. אין די קומענדע פינף יאר זענען קיין אנדערע פארזוכען ניט געמאכט געווארען ערשט אין 1912, ווען טאראנטא האט שוין געהאט א גרויסע אידישע קהלה האבען עטליכע אידישע דרוקער זיך פאראייניגט און אויפגענומען דעם פלאן פון גרינדען א אידישע צייטונג, און נאך א רייע פארבארייטונגען איז דעם 29־טען נאוועמבער, 1912, ערשיענען א וואכענבלאט ״דער אידישער זשורנאל״, מיט ה. הירש אלס רעדאקטאר. די צייטונג האט זיך גוט ענטוויקעלט, און אין נאוועמבער, 1913, האט זי זיך פארוואנדעלט אין א טעגליכער אויסגאבע. דעם דריטען נאוועמבער, 1913 איז ערשיענען דער ערשטער נומער פון דער טעגליכער צייטונג, און מיט א קליינעם איבעררייס, (פון בלויז עטליכע חדשים נאכ׳ן ערשטען יאר אלס טעגליכע צייטונג, ווען די פארוואלטונג איז רעארגאניזירט געווארען) האט די קאנאדער צווייטע אידישע קהלה איר שטענדיגען טעגליכען אידישען ארגאן, רעדאגירט ווערענדיג זייט 1915 פונ׳ם שרייבער פון די שורות.

אין 1915 האט די ״קלאוקמאכער יוניאן״ פארזוכט ארויסצוגעבען אן אייגענעם אינפארמאציאנס בולעטין ״דער קלאוקמאכער בולעטין״, אבער עס זענען ערשיענען פון דעם בלויז עטליכע נומערן. עס האט אויך פארזוכט אין יענעם יאר ״דער קענעדער אדלער״ ארויסצוגעבען א טאראנטאר אויסגאבע פונ׳ם ״אדלער״, און עס איז געמאכט געווארען א פארזוך ארויסצוגעבען אן אנאנסען־אויסגאבע ״דער דיילי אדווערטייזער״, וואס איז צוגעלעגט געווארען אלס ביילאגע צו די ניו יארקער אידישע צייטונגען, פארשפרייט אין שטאדט. דער וויכטיגסטער פארזוך איז אבער געוועזען ארויסצוגעבען א וועכענטליכע ארבייטער־צייטונג אין די יארען 1918—1917. די ״ארבייטער צייטונג״, רעדאגירט פון ש. עלשטיין, האט באקומען שטיצע פון די אידישע יוניאנס און ארבייטער ארגאניזאציעס, דאך אבער האט זי זיך לאנג ניט געקענט האלטען, און איז אונטערגעגאנגען נאך אן עקזיסטענץ פון זעקס חדשים.

צו די ארבייטער פרעסע פארזוכען געהערען אויך ״די נייע צייט״, א חדש זשורנאל וואס איז ארויסגעגעבען געווארען אין טאראנטא אין די יארען 1914—1913 אלס צענטראל־ארגאן פון דער אידישער פעדעראציע ס. ל. פ. און פארשידענע איינמאליגע אויסגאבען פון מאנכע ארגאניזאציעס פאר אגיטאציאנס־צוועקען.

אין מאי 1920 איז פארזוכט געווארען ארויסצוגעבען א וועכענטליכע הומאריסטישע אויסגאבע ״דער מזיק״ (ש. מ. שאפירא, רעדאקטאר) אבער אויך די אויסגאבע איז אונטערגעגאנגען א פאר חדשים שפעטער.

זייט 1922 ערשיינט אויך אן ענגליש־אידישע וואכענצייטונג ״דהי קענעדיען דזשואיש רעוויו״.

די אידישע פרעסע אין וויניפעג — קומענדען מיטוואך.

מענער און ווייבער

(זאל מען לאזען רעדען די פאסיפיסטקעס?)

פון מעפיסטאפעל

מיר זענען מיט'ן גאנצען הארץ פאר שלום.

מיר עסען מיט שלום און מיר שלאפען מיט שלום.

מיר געהען אין טעאטער מיט שלום און מיר וויצלען זיך איבער אקטיארען און אקטריצעס מיט שלום, מיט א שלום-שמייכעל אין די ווינקלען פון אונזערע לצ'אנישע ליפען.

אהן שלום גיבען מיר זיך ניט א קעהר — פונקט ווי מיר גיבען זיך ניט א קעהר אהן א געליעבטע ביי דער זייט, אדער אהן א בלימעל אין לאץ.

מיר זענען אבער קעגען שלום'דיגע ווייבער — קעגען אינטערנאציאנאלע יאכנעס, וואס ווילען טוידטען דעם שלום מיט צעהן מאס רייד.

איידער א ווייבערישער שלום-קאמפיין איז שוין בעסער מלחמה; איידער ווייבער זאלען אריינשטעקען זייערע נעזער אין דעם אינטערנאציאנאלען טעפעל, איז שוין גלייבער פאר דער וועלט, אז מען זאל ווידער שיסען מענשען און שטעלען מאנומענטען אויף אלע קארנערס...

יענטעס ניע זשעלאיעם!

מיר זענען קעגען יענטעס!

מיר ווילען ניט, אז ווייבער זאלען מיט זייערע צינגער ארויסיאגען פון דער שלום-טייבעלע דעם לעצטען שלום'דיגען אטעם און עס פארוואנדלען אין א ווארנע, אדער אין עפעס ערגערס. מיר ווילען ניט, אז ווייבער מיט שטרויענע העטס און לאנגע ספארניצעס זאלען זיך ארייגרייסען אין אונזערע שלום-פאלאצען, און אונזערע טעמפלען פון געמיטליכטיגקייט און ברויט מיט פוטער...

מיר זענען פאסיפיסטען!

אהא, נאך א מין פאסיפיסטען!

אבער מיר זענען פאר א מאנסבילשען פאסיפיזם.

מיר האלטען, אז די מענער זענען די אמת'ע שלום-מאכער פון דער בידנער וועלט; אונז דוכט זיך, אז די ווייבער וועלען דעם שלום-פלאן צושטערען; מיר גלויבען, אז די ווייבער וועלען ארויסרופען א נייע מלחמה, און וועלען אפשטופען דעם שלום-וואגען אויף הונדערט יאהר צוריק...

אט דאס איז אונזער איבערצייגונג!

און ווען מען טומלט זיך איצט אין אונזער געבענשטער מלוכה וועגען אריינלאזען די ווייבערישע שלום-מאכערקעס און אויסהערען זייערע ניין מאס רייד — קומען מיר ארויס אויף דער וועראנדע, אין א לייכטען ראזעווען אויבער-ראק, און גיבען א זאג הויך אויפ'ן קול לאמר, אזוי צו זאגען:

— מאלטשאט, רבותי! — שטיל זאל זיין!

ניט פון די ווייבער האט זיך די מלחמה אנגעהויבען און ניט מיט די ווייבער דארף זיך די מלחמה אויסלאזען. ווייבער — ווי פאסיפיסטיש זיי זאלען ניט זיין געשטימט — בלייבען פארט ווייבער. זיי זענען געבוירען געווארען צו רעדען און ניט צו טאן; זייער גבורה ליגט אין די צינגער, אבער ניט אין די מוסקולען; זייער שלום-פלאן איז געבויט אויף זאמדיגע רעדעס און וואסערדיגע ארגומענטאציע, און ממילא קאן פון אזא אגיטאציע ארויסקומען אן אייביגע מלחמה אנשטאדט אן אייביגער שלום...

יענטעס ניע זשעלאיעם!

„הענדס אף“ פון דער שלום-באוועגונג!

לאזט איבער די שלום-באוועגונג אין די הענט פון די מאנסבילען. זיי זענען די ריכטיגע מענשען פאר'ן ריכטיגען „דזשאב“. זיי האבען באמיסטיגט די אייראפעאישע פעלדער מיט מענשען-בלוט; זיי האבען געליפערט דעם ברען-מאטעריאל פאר די שלום-קאנפערענצען; זיי האבען צוגעשטעלט מלכים און פרינצען פאר אלע אייראפעאישע קעניגליכע הויפען; זיי האבען באזארגט אלע טעאטערם מיט גרויסע און קליינע סטארס — און זיי דארפען אויך דעם שלום-וואגען מיט די שלום-פערד אין שטאל אריינפיהרען...

מיר זענען ניט קעגען שלום. מיר אליין נויטיגען זיך אין א ביסעלע שלום, אז דאס חיות געהט אונז אוים. מיר לעכצען נאך דאס טראפעלע שלום ניט ווייניגער ווי דער ענגלישער פרעמיער און דער דייטשער מיכעל. זעהען מיר אבער באשיינפערליך, אז דער ווייבערישער שלום-צוג פיהרט צו א נייער אייראפעאישער מלחמה. ווייבערישע צינגער האבען רואינירט די הייראטס-אינסטיטוציע און האבען ארויסגערופען א יקרות אויף רעוואלווערן און לינקע ליעבעס, און די ווייבער וועלען אויך אפווישען יעדען זכר פון שלום אויף דער וועלט...

מיר זענען פאסיפיסטען — גרויסע און פייערדיגע פאסיפיסטען. אונזער פאסיפיזם איז אבער ניט קיין ווייבערישער. מיר פאהרען ניט ארום איבער דער וועלט אין ספעציעלע באהנען און מיר קלאפען ניט מיט די צינגער וועגען שלום.

אונזער שלום-פלאן איז גאר אן אנדערער: מיר האלטען אז כדי צו שאפען שלום אויף דער גאנצער וועלט, מוז מען אויפהענגען שלעסער אויף די ווייבערישע מיילער און אויפקלאפען א שילד מיט גרויסע אויפשריפטען: „דער וועג צו שלום פיהרט דורך שווייגען“; „דורך שווייגעניש וועלען מיר אונזער קאמף אויסקעמפען“.

אט וואס פאר א פאסיפיסטען מיר זענען!

נידער מיט די שלום-מאכערקעס!

א בריעף פון דער היים

(צוגלידערט און צעפערזעלט)

פון אברהמיל

— וואס מאכסטו, פריינד,
א חוץ געזונד?
וואס שרייבסטו מיר ניט-גערן?
איך געה דאך אוים נאך דיינס א בריעף,
הלואי פון דיר צו הערען!

די צייטען, פונקט ווי טאג און נאכט,
ווי גזירות און דעקרעטען,
דא בייטען זיך א יעדע שעה
אין לאנד פון די סאוועטען...

אט היינט איז ביטער, ווי דער טויט,
און ערגער ווערט נאך מארגען,
און צוויי טעג שפעטער ווערען מיר
מיט פרייהייט שוין דערווארגען...

ערשט נעכטען איז געווען די „נעפ“
געזעצליך און געהויבען...
און היינט די „סוחרים“ בלאנדזשען אום
און ציטערען, ווי טויבען.

מען כאפט זיי, ווי די „קריסעס“ און
מען ווארפט זיי אין אסטראגען,
מען לאזט ניט לייזען קיין פיטאק,
אבי מען מאהנט נאלאגען...

און ניט דער סוחר ליידט אליין,
דער קונה ליידט נאך מעהרער...
פון יקרות אין „קאאפעראטיוו“
פון דלות און פון טרער.

די האנדעלס-קאמיסארלאך זעלבסט
אויף גרויסע צרות זענען...
פאר „שוחד“ שיקט מען קיין סיביר, —
און — צו דער וואנט גאר טענה'ן!...

מען שטרעבט דא איינפיהרען צוריק
דעם קאמוניזם דעם אלטען...
און וויל א איד פארדינען ברויט,
דאן טוט ער עס — באהאלטען...

דערפאר האט ב'אונז זיך די קולטור
צעבליהט, ווי מארגאריטקעס...
א „חדר“ האט געעפענט שוין
געזעצליך מענדעל-גיטקעס.

ער טאר ניט האלטען דארטען מעהר
ווי גאנצע זעקס תלמידים...
נאר דאס וואלט שוין געווען גענוג
ווען — קינדער פון נגידים.

נאר פון די זעקס קבצנים'לאך
פארדינט ער ניט אויף שבת;
אין מיטען לערנען שפיעלען-זיי
מיט פילקעס זיך און זשאבעס.

מען טאר ניט לערנען דאווגען זיי,
— די „טשעקא“ וואכט מיט טערא —
און פון שכר-למוד צאהלט ער נאך
א טייל דעם חומש-לעהרער...

ישיבות זענען אפען היינט
אין „אידישע“ מקומות —
ווי: קיעוו, פעטראגראד, קאווקאז
און נאך אין ווייטע תהומות...

די „סעמינארען“ מוזען זיין
אין גרויסע העלע זאלען,
און נאך „פרעדמעטען“ מוזען דארט,
א חוץ דער תורה קוואלען...

גימנאסטיקע — צוויי שעה א טאג
פאר קלויזניקעס א חוב איז,
און „שולחן-ערוך“ איז פארווערט
פון אונזערע בעל-טובה'ס...

אין פעטראגראד געעפענט שוין
אהן הכשר'ס און אהן פראגען
מיט מזל האבען זיך אצונד
העברעאישע פארלאגען...

דארט דרוקט מען „שירים“ — נייע ווערק,
א פירוש אויף „יבמות“,
הגדות, פראקלאמאציעס
פאר מעגליכע מלחמות...

די נייע רומ“ל-דרוקעריי
הייסט: „קראסני-אגיטאטאר“..
אין מאסקווע מוטשעט זיך אויך א
העברעאישעס טעאטער...

די לעצטע נייעס פון אונזער וואוקס,
פראגרעס און דור-הפלגה
איז די באוועגונג פון דער
„לעבעדיגער סינאגאגע“..

ערפונדען האבען דעם „אנטיק“
און הימלישע מתנה
א הייפעל פון געוועזענע
ראבינערלאך „קאזיאנע“...

די „תורה“ פארען-זיי-צונויף
מיט באלשעוויזם-ליעבע...
„יאק נימא ריבי“ — ווייסטו דאך
איז „ראק“ מיט פעפער — ריבא...

די אידען לאכען פון דעם וויץ
און פון דער כת-לצנים,
פון חוזק האבען אויך די לייט
אין מאסקווע — א פנים...

וואס טוט מען אבער, ברודער, ניט
פאר ביטערע פרנסה?...
פארשטעלט זיך היינט א „רעוויל“ פאר
א רויטען „וויזתא“...

און דרינגט א דרינגעניש פון בויך,
פון מדרש און פון ספרים,
אז לעניו, ווי רב טרפון איז
געווען אן עוקר-הרים...

אז טראצקי איז א גלגול פון
דעם מעזעריטשער צדיק,
און אז „משיח“ גופא איז
קיין אנדערער, ווי ראדעק...

און ווייטער דרש'ענט אונז א נייעס
די „רויטע“ סינאגאגע,
אז „מדאריתא“ ערשטער מאי
בפירוש איז א „חגא“...

אין „פסחים“ שטעהט „מאי-אור“,
— הו הערסט? —
ביים „אור לארבעה-עשר...
בכן איז „מאי“ א יום-טוב דאך,
און ארבייטען איז אסור!

וואס פרעגסטו? נחת קלייבען מיר
פון די „למדנים“ רויטע...
אין זייער „לעבעדיג“ שוהל
פון לאכען בלייבט מען „טויטע“...

אין אונזער דלות האט מען באטש
וואו זיך צו אונטערהאלטען,
און דאן מאכט אויך די „רויטע קלויז“
אין דער „יעווסעקציע“ — שפאלטען...

דער „קאמבונד“ האלט א שארפע אויג
אויף זיינע „קאנקורענטען“
און וועט זיי נאך ערקלעהרען, אלס
„פראנצויזישע אגענטען“...

ניט איין פאיאץ געווארען איז
פון יעדען יונגען „רבי'ן“...
נאר פון דער „לעבעדיגער-שוהל“
מאכט זעלטען ווער א „לעבען“...

דו וואלסט א „מצוה“ איצט פארדינט,
— און דיר, מיין פריינד,
— וואס שאדט עס? —
ווען דו וואלסט מיר ארייגשיקען
א צעהנדליג „גרינע שמאטעס“...

א מעשה מיט א פערד

צוויי פערד גנבים זענען געגאנגען אין וועג. איינער איז געווען א רויטער, דער אנדערער איז געווען א שווארצער.

זאגט דער רויטער צום שווארצען:

„אט געהט א פארמער און ער פיהרט א פערד וואס ער האט געקויפט אין מארק. לאמיר איהם צונעהמען“.

ביי די רייד איז טאקע אנגעקומען א פארמער און ער האט געפיהרט א פערד פאר א שטריק.

איינער פון די גנבים, דער שווארצער, איז פאוואלינקע צוגעגאנגען צום פערד, האט אפגעבונדען פון דעם פערד די שטריק און דאס אנגעבונדען זיך אויפ'ן האלז. דער רויטער האט גענומען דעם פערד און איז מיט איהם אוועק, און דער שווארצער איז נאכגעגאנגען דעם פארמער, טריט ביי טריט.

געהענדיג האט דער שווארצער פלוצלונג א ניס געטאן. דער פארמער האט אויסגעדרעהט זיין קאפ אהינטער צו זעהן ווער עס ניסט, און ווי דערשראקען איז ער געווען, אנשטאט זיין פערד האט זיך איהם אויף דער שטריקעל נאכגעשלעפט א מענש.

„שרעק זיך ניט, סטעפאן“, האט דער שווארצער געזאגט צום פארמער — „דאס בין איך דיין פערד נאר איך האב אזא טבע צייטענווייז צו פארביטען ווערען אין געשטאלט פון א מענשען“.

דער פארמער האט זיך איבערגעשראקען, האט זיך איבערגע'צלמ'ט דריי מאל און געזאגט: „געה זיך דיר, מיט גליק. איך דארף ניט האבען אן אומגליקליכע באשעפעניש אזא ווי דו“.

עס פארשטעהט זיך אז דער שווארצער פערד גנב איז אוועק א צופרידענער. א האלבע שטונדע שפעטער קומט אן דער פארמער נעבען א שענק, זעהט ער זיין פערד שטעהן צוגעבונדען צו א בוים. געהט ער צו צום פערד און רוימט איהם איין א סוד אין אויער: „ניש'קשה, האב קיין מורא ניט, איך וועל דיך צוריק ניט נעהמען. ביזט נעבאך א פארשאלטענער“.

מיט דעם קען מען שמועסען...

מען האט אנגעוויזען אן ארימאן צו א בעל-הבית אויף שבת. פרעגט דער ארימאן דעם בעל-הבית צו ער האט פיש אויף שבת.

— וועגען וואס פרעגסטו אויף פיש? — פרעגט דער בעל-הבית. ענטפערט דער ארימאן:

— איך האב א סוד אין פיש.

דער בעל-הבית האט פאר דעם ארימאן געהייסען געבען א קליין פישעל. דער ארימאן האט באמערקט ווי יעדער קריגט א גרויס שטיק פיש און ער א קליין פישעלע. האט ער אנגעהויבען צו מורמלען צום פישעלע. פרעגט איהם דער בעל-הבית, וואסערע טענות ער האט מיט דעם פישעלע. ענטפערט דער ארימאן:

— מיין טאטע איז אמאל געפאהרען אויף א שיף און איז דערטרונקען געווארען. פרעג איך דאס פישעלע, אויב עס האט באגעגנט מיין טאטען.

— וואס-זשע ענטפערט עס? — פרעגט דער בעל-הבית.

— ס'איז אזא קליינס, אז ס'איז נישטא מיט וועמען צו טענה'ן — ענטפערט דער ארימאן.

האט מען איהם דערלאנגט א גרעסער שטיק פיש.

— אט מיט דעם — שטיק פיש קען מען לפחות שמועסען...

לצנות

זעהסטו דאך...

איין חסיד דערצעהלט דעם צווייטען: ווען דער רבי איז געגאנגען אין מקוה אריין איז א פיש ארויסגעשפרונגען פון דער מקוה און דער רבי האט זיך אויף איהם ארויפגעזעצט און אראפגעפאהרען אין מקוה אריין.

— סמייטש? — וואונדערט זיך דער צווייטער חסיד — ווי איז דאס מעגליך?

— ענטפערט איהם דער ערשטער: „זעהסטו דאך!“...

וואס אן אפיקורס ווינשט זיך

אן אפיקורס האט אמאל געזאגט: „דריי זאכען וואלט איך מיר געוועט אויסגעבעטען בעת מתן תורה אויפ'ן בארג סני:

1) נאך כל-נדרי א טרינק וואסער.
2) פסח נאך די כרעמזלאך א גלאז ביער.
3) שבת נאכ'ן קוגעל א ציגארעטל.

ער וויל פרעגען א שאלה

א ישובניק האט געשיקט זיין מלמד אין צווייטען דארף פארהערען דעם בחור וואס מ'שדכנ'ט זיין טאכטער פאר א חתן.

דער מלמד האט דעם בחור גענומען פארהערען לערנען און וואו ער האט געפרובט איז עס ניט געגאנגען. טראכט זיך דער מלמד: וועלען מיר פרובען מיט סתם חקירה, און פרעגט איהם:

— וואס עסטו צו אנבייסען?

— בייגעל — ענטפערט דער בחור.

— וויפיעל בייגעל?

— דריי.

— ביזטו זאט נאכ'ן ערשטען בייגעל?

— ניין.

— און נאכ'ן צווייטען?

— אויך ניט — ערשט נאכ'ן דריטען בין איך זאט.

— פאר-וואס-זשע, — פרעגט דער מלמד — עסטו ניט צוערשט דעם דריטען בייגעל, וואלסטו פארשפארט צו עסען די ערשטע צוויי.

דער חתן-בחור האט ניט געקאנט ארויסקריכען פון דער שווערער שאלה, ביז דער מלמד האט איהם מיט מיה און נויט ארויסגעשלעפט.

דער חבור'שער ענטפער אויף דער שאלה איז דעם חתן-בחור שטארק געפעלען און ער האט גרויס חשק באקומען זיך צו בריה'ן מיט דעם ביסעל חקירה, וואס ער האט גענאשט.

באלד טרעפט ער זיינס א חבר און באפאלט איהם מיט דער שאלה:

— וויפיעל בייגעל עסטו צום אנבייסען?

— פינף — ענטפערט דער חבר!

דא איז דער חתן-בחור געבליבען שטעהן דערטשמעליעט:

— או-ווא, א שאד! ווען דו וואלסט אבער געגעסען דריי, וואלט איך דיך געקאנט פרעגען א פיינע שאלה!...

ער גרייט זיך צו גאט'ס דינסט...

א יונגערמאן, א תלמוד-חכם, נאר א גרויסער אפיקורס, איז געווען אן איידעם ביי א איד, א הייסען חסיד. דער שווער פלעגט איהם זעהר אפט דערקוטשען ער זאל פאהרען צום רבי'ן. דער איידעם האט איהם געמוזט צוליעב טון.

דער רבי האט דעם איידעם געהאלטען אין איין מוסרן: א איד מוז זיין פרום, געהן אין דרך-הישר, האלטען ריין די נשמה, כדי ראוי זיין צו טאן גאט'ס דינסט...

א ווייל שפעטער האט זיך דער יונגערמאן צוגעשארט צום רבינ'ס קעכין. דער גבאי האט עס דערזעהן, איז ער געלאפען עס דערצעהלען דעם רבי'ן און דער רבי האט באלד געשיקט רופען דעם יונגנמאן:

— רחמנא לצלן, וואס האסטו געטאן, מעג מען דען זיך טשעפען צו א פרעמדער אשה? אזוי האסטו עס געפאלגט מיינע ווערטער?...

— יא רבי — ענטפערט דער יונגערמאן — איך וויל באמת זיך פירען ווי איהר האט מיר געזאגט, נאר איך האב זיך געטראכט: צו גאט'ס דינסט זיך נעהמען איז דאך עפעס ניט קיין פשוט'ע זאך. דאס קאן מען ניט מיט איין מאל, האב איך זיך דערוויל גענומען צום רבי'נס דינסט...

אן איינפאל פון א סקול באי

א באיטשיק איז אריינגעקומען אין א גראסערי. — איך וויל ביי איך קויפען 5 פונט צוקער צו 5 סענט א פונט, 2 פונט קאווע צו 30 סענט א פונט, א טוץ אייער פאר 28 סענט און א פונט מצה-מעהל פאר 7 סענט, וויפיעל דארף איך באצאהלען?

— איין דאלאר מיט צוואנציג סענט, — האט דער גראסערי-מאן געענטפערט און זיך גענומען איינפאקען די ארטיקלען.

— נעווער מיינד, מיסטער, — האט דער באיטשיק געענטפערט, ארויסלויפענדיג — כ'האב בלויז געוואלט וויסען, וויפיעל דאס באטרעפט, ווייל דאס איז מיין סקול לעסאן.

דער ריכטיגער דאקטאר

פרוי: — נו, דאקטאר, וואס פעהלט מיין מאן?

דאקטאר: — גאר-ניט, ער קאן בלויז ביינאכט ניט שלאפען. איך האב פארשריבען א שלאף-מיטעל.

פרוי: — ווען זאל ער עס איינעהמען?

דאקטאר: — וואס פעלט אייך איין, ער זאל עס איינגעהמען? איהר מוזט עס איינגעהמען.

אנעקדאטען

מ'דערצעהלט אז אין כעלם האט געטראפען, אז פאהרענדיג אויף א חתונה, האט מען פארגעסען מיטצונעהמען דעם חתן. געווען איז דאס ל“ג בעומר. ווען זיי האבען זיך געכאפט דארויף אויפ'ן וועג, האבען זיי באלד אומגעקעהרט די פערד און וועגען אין פארקערעוועט קיין כעלם. דארט האבען זיי זיך אבער ווידער ארומגעזעהן, אז אויב זיי וועלען יעצט פאהרען מיט די פוהרען, וועלען זיי קומען אין דער נאכט און מען וועט שוין ניט טארען שטעלען קיין חופה. לויפט מען צום רב, גוואלד, וואס טוט מען? — האט דער רב באלד גערופען א גרויסע אסיפה און עס איז געבליבען: גאנץ כעלם זאל זיך אויסשטעלען אויפ'ן וועג ביז צו דער שטאדט, וואו די כלה וואוינט און מען זאל דעם חתן מיט די מחותנים איבערווארפען אויף די הענט פון איינעם צום צווייטען.

שברות מאכט פון מאנכע מענשען משוגעים; פון מאנכע, ווילדע בעסטיעס, און פון מאנכע טייוואלים. גוטעס טוט עס קיינעם און קיינמאל ניט.

איין 50ס. באקס האט געבראכט געזונט

יאהרען פון פארשטאפונג האט זיך געענדיגט דורך „פרוט-איי-טיווס“

די וואונדערבארע פרוכט-מעדיצין

יעדער איינער וואס ליידעט פון שוואכען געזונט, וואס ווערט אויסגעמאטערט פון קאפשמערצען, און דער וואס קאן קריגען אירגענד-וועלכע פארגעניגען פון זיין לעבען, וועט זיך פאראינטערעסירען מיט דיזען בריעף פון מרס. מארטא דע וואלף פון איסט שיפ הארבאר, נ. ס.

מרס. דע וואלף זאגט: "פאר יאהרען האב איך שרעקליך געליטען פון פארשטאפונג און קאפשמערצען און איך האב געפיהלט מיזעראבעל אויף אלע אופנים. קיין שום מעדיצין האט מיר ניט געהאלפען. דאן האב איך אויסגעפרובירט "פרוט-איי-טיווס", און די ווירקונג איז געווען גלענצענד, אויסגעצייכענט. און נאך דעם ווי איך האב איינגענומען בלויז איין באקס, בין איך פולשטענדיג געהאלפען געווארען, און איצט פיהל איך ווי א נייער מענש".

50ס. א באקס, 6 פאר $2.50, טריעל ווייס 25ס. ביי אלע דיעלערס אדער ביי פרוט איי טיווס, לימיטעד, אטאווא, אנט.

שפריכווערטלאך

לעב רוהיג וועסטו לעבען לאנג.

* * *

וויל ניט צופיעל, וועסטו ניט דארפען האבען קיין עגמת-נפש.

* * *

זיי ניט איינגעשפארט, וועסטו זיך ניט דארפען קרענקען.

* * *

די לאנגע אויערען העלפען ניט דעם אייזעל ער זאל עפעס בעסער הערען.

* * *

מעסט ניט אנדערע מענשענ'ס קארן מיט אייער בושעל.

* * *

טרינקט וועניג כדי איהר זאלט קענען טרינקען לאנג.

* * *

פון טרינקען וואסער קען מען ניט ווערען קראנק, און קיין בעל חוב און די פרוי קען קיין אלמנה ניט בלייבען.

* * *

זעהט אז איהר זאלט פיהרען אייער ביזנעס, ניט די ביזנעס זאלען אייך פיהרען.

* * *

טראפען ביי טראפען קען אפילו א טייך אויסגעטריקענט ווערען.

* * *

טרוקענער ברויט אין דער היים איז בעסער ווי געבראטענס אין אויסלאנד.

* * *

שטארבען איז אזוי נאטירליך ווי לעבען.

* * *

יעדע פייגעלע גלייבט צו הערען זיך אליין זינגען.

ספעציעלער סייל היינטיגען מאנאט
אויף דזשועלערי, זילבערווארג און קאטגלעז ביי
קלינג בראדערס, 241 קווין סט. וועסט

ראדזשערס

ראדזשערס זילבערנער טי סעט, גאראנטירט. די שעהנסטע און איינדרוקספאלע מתנה, אדער פאר'ן אייגענעם געברויך, $9.50

26 פיסעס ראדזשערס סילווער סעט $8.95

ריסט וואטש 18 קערעט גאלד מיט 4 דיימאנדס $39.00

א גרויסער אויסוואהל פון לייכטער, פארשידענע סטיילס פון 5 דאלאר און העכער.

18 קערעט ווייס גאלד, שעהנע סטיילס חתונה רינגלאך 4.95 חתונה רינגלאך מיט דיימאנס 15 דאלאר

ספעציעלער סייל און א גרויסער אויסוואהל פון דיימאנד רינגען צו בילגע פרייזען.

קויפט וואו אלע קויפען. אייער קרעדיט איז גוט ביי אונז.

מיר פיקסען אלערליי וואטשעס און דזשועלערי צו די בילינסטע פרייזען.

מיר ארבייטען איבער אלע סארטען דזשועלערי לויט אייער געשמאק און צופרידענהייט

„איך בין שטארק געפלאגט געווארען מיט שמערצען אין רוקען“

מר. אלפרעד מעקניעל, טשאעל ראק, אלטא., שרייבט:

"אין פארלויף פון ווינטער פון 1920 און 1621 בין איך זעהר שטארק געפלאגט געווארען מיט שמערצען אין מיין רוקען און האב די גאנצע צייט געפיהלט מיעד און נידערגעשלאגען. באזונדער ביינאכט בין איך באאומרוהיגט געווארען מיט אפטען לאזען דאס "וואסער", און מאנכע נעכט האב איך באדארפט אויפשטעהן כמעט אלע שטונדע. איך האב ענדליך אנגעפאנגען איינעהמען דאקטאר טשייס'עס קידני ליווער פילס, און זיי האבען פארלייכטערט מיין צושטאנד נאך איידער כ'האב געענדיגט אויסנעהמען די ערשטע באקס. איך פיהל בעסער דיזען זומער, און כאטש איך ווער אלט 67 יאהר, פונדעסטוועגען קאן איך ארבייטען אהן אירגענד-וועלכער מאטערניש."

דר. טשייס'עס קידני ליווער פילס

35ס. א באקס פון 35 פילען, עדמענסאן, בייטס און קא., למט., טאראנטא.

ליעבע

(פארזעצונג פון זייט 3)

מכשף, ווייל געוויס איז דא געווען שולדיג כישוף. אה, ער וואלט שטארק נקמה גענומען פאר דער דאזיגער בייזער שפיעל. אבער דער מכשף איז נים געווען און דעם צארען וואלט ער אויסגעגאסען אויפ'ן בילד, נאך א ווייקע און ער וואלט צורייסען אויף שטיקלאך, ער וואלט צוטראטען מיט די פיס דאס דאזיגע פאלשע בילד.

אבער באלד איז זיין צארען געשטילט געווארען. ער האט זיך דערמאהנט אז מען קאן דאס אלץ פאררעכטען.

ווידער זיך געזעצט צו דער ארבייט, האט גענומען מאלען, ווי ער האט געדענקט און איהם איז אזוי געגאנגען, אז אין א קורצער צייט האט א פריש מיידעל געזיכט מיט בלויע אויגען און מיט א קליינעם מויל פריינדליך געשמייכעלט צו איהם.

מיט טרויעריגער פרייד האט דער קייזער געקוקט אויף דאס בילד און האט אומעריג געזאגט:

— יא, דאס איז זי. אזא איז זי געווען, מיין געליבטע אומפארגעסליכע קייזרין.

און ווען איינמאל האט דער קאמערהער, וואס האט עס אלץ געזעהען הינטער דעם טיר־שפאלט, פארגעלייגט דעם קייזער חתונה צו האבען מיט דער יינגער פאסטושקע וואס געהט אלע פריהמארגען מיט געזאנג פארביי דעם פאלאץ מיט איהר סטאדע, ווייל זי איז ווי צוויי טראפען וואסער ענהליך אויף דער שעהנער קייזרין און נאך אפשר שעהנער, האט דער קייזער שווייגענדיג אנגערוגען דעם קאפ.

(״אילוסטרירטע וואכענבלאט״).

נעלעהרנטער געפינט באוויזע אז דאנטע איז געווען א איד

פילאדעלפיא, (איטא).

אז עס זענען פאראן באוויזע אז דאנטע, דער בארימטער איטאליענישער קלאסיקער און אויטאר פון דער ״געטליכער קאמעדיע״ איז געווען פון אידישער אפשטאמונג, איז די ערקלערונג וואס איז היינט געמאכט געווארען דורך דעם אידישען געלעהרטען דר. ארטור ק. קוהן פון ניו יארק אויף א מיטינג פון דער אידישער היסטארישער געזעלשאפט, וועלכער איז דא אפגעהאלטען געווארען אין דראפסי קאלעדזש.

דר. קוהן באהויפטעט, אז געוויסע שטעלען אין די ווערק פון דאנטע'ן און פון עמנואל הרומי, א אידישער דיכטער, וועלכער האט געלעבט אין איטאליען אין דאנטע'ס צייטען, קאנען דאס באווייזען.

אין זיינע פאעטישע ווערק, זאגט דר. קוהן, דערמאנט דאנטע זעהר אפט די העלדען פון תנ״ך, און ער האט קיינמאל ניט געשריבען מיט גרינגשעצונג וועגען אידען באטש די קריסטליכע שריפטשטעלער פון יענער צייט פלעגען לייכטמאל ניט פערלאזען די געלעגנהייט צו רעדען וועגען אידען אהן גרינגשעצונג.

קארפענטיער האט א אידישען אימפרעסאריא

וויען, (איטא). (דורך פאסט)

קארפענטיער'ס באקס־מעטש אין עסטרייך ווערט געמאכט פון זיין אידישען אימפרעסאריא הייניאוויטץ, א פראגער רומענישער איד, וועלכער ארגאניזירט פאר קארפענטיער'ן אלע אינטערנאציאנאלע באקס־מעטשעס. דער וויענער מעטש איז נים געלונגען. ער האט דערווייל געמוזט אפגעזאגט ווערען אויף א שפעטערען טערמין, ווייל די קאסען זענען געווען ליידיג און דער עולם איז ניט געקומען. מען שאצט אז הייניאוויטץ האט ביי דעם דורכפאל פארלירען עטליכע טויזענט דאלאר.

דאנקזאגונג

א הערצליכער דאנק ווערט אויסגעדריקט פון אלע אפיסערס פון מושב זקנים צו אונזער ווירדיגען רבי בריקנער פאר זיין שעהנעם אפיעל ביים מושב זקנים קאנצערט אין לאוס ווינטער גארטען. און צו אונזער אלדערמאן נ. פיליפס, אלס טשערמאן ביי דעם אווענט, און צו די אלע טאלאנטען וועלכע האבען געצייגט זייער קונסט אומזיסט. עס איז ווערט צו באמערקען דאס האבערמאנס קינדער מוזיקאל נאוועלטי וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער קונסט אויפ'ן העכסטען ארט. זיי פארדינען אנערקענט און פאטראניזירט צו ווערען פון גאנץ טאראנטא און אומגעגענט. און דעם גרעסטען דאנק צו דעם מענעדזשער מר. בארענשטיין פון לאוס טעאטער. מיר ווינשען זיי גליק אין אלע זייערע וועגען.

אפיסערס פון טאראנטאר
מושב זקנים.
י. בעקלער, זשענ. פרעז.
ב. וויים, פרעזידענט.

ווערטלאך

אן אדלער כאפט נים קיין פליעגען.

* * *

פריה צייטיג, פריה פארפוילט.

* * *

ארבייטען פלייסיג און שלאפען גענוג, מאכען דעם מענשען געזונט און קלוג.

האט איהר אויגען טראבעל?
האט איהר קאפ שמערצען?
ראן זעהט זיך מיט דעם אידישען
אפטאמעטריסט
— און אפטישען —
וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערמענט
דר. הענרי הערים
279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספעדיינע)
אפען ביז 9 אוהר אין אווענט
DR. HENRY HARRIS
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. Near Spadina
Open until 9 p. m.

געלד צו לייהען אויף מארגעדזשעס

הייזער קויפען און פארקויפען
אינשורענס פון יעדען סארט
געזעצליכע און בירגער פאפירען און
אלע אנדערע אינפארמאציעס ביי
J. H. GREEN & Co. 293 Spadino Av.
Tel. Trinity 3774

זוכט ניט!

דער מאן וואס קען פיקסען גראמאפאנס, סקיילס, שלעסער רעפערען, נייע שליסלען, בייבי קערעדזשעס און סטאוום געמאכט פון אלט נייע, איז דער גוט באוואוסטער

פ. שלייפער
אין 461—459 קאלעדזש סטריט
אז איך מאך גוט און ביליג, דאס ווייסט יעדער.
טעלעפאן טריניטי 6621.

הרב. ר׳ש. פ.
ריזענמאן

פון תפארת ישראל שוהל
זיין נייע וואוינונג איז אין
145 אנטאריא סט. קארנער קווין סטריט איסט

נעהמט אויף אלע רבנישע אנגעלעגענהייטען, אויך ערשטער קלאס מוהל מיט דאקטארישע צייגנישע. ארימע בחנם. און פון 8 ביז 10 אווענט ווערט דער רב זאגען א שיעור פאר'ן עולם גמרא מיט תו״ס. יעדער איד איז ווילקאמען.
טעלעפאן טריניטי J 3179

יעקב מ. בענעט

(פון בענעט און סקעטרא)
באריסטער. סאליסיטאר
נאטאריעס א. נ. ג.
2901 דאנדעס סט. וועסט טאראנטא
טעלעפאן דזשאנקשאן 9077
וואוינונג טעלעפאן דזשאנקשאן 983

ווייסט איהר וועגען גענעראל וואלף, וועלכער האט איינגענומען קענעדע פאר די ענגלענדער?

וועגען וואלפ'ן און וועגען אנדערע וויכטיגע פערזאנען קענט איהר לייענען אין

א. ריינווויינ'ס
נייעסטען בוך
קאנאדע - איהר געשיכטע און אנטוויקלונג

צו באקומען אין אלע בוכהאנדלונגען און אין ,,זשורנאל" אפיס

הויבט זיך אן מאנטאג
די וואך פון יוני 2
מאנטאג
HIPPODROME
די טיגער־פרוי פון דער סקרין
פאלא נעגרי

די פוילישע שעהנהייט אין איהר גרעסטער ראליע זינט ,,ליידענשאפט״

ספעציעל געשריבען פאר איהר און דירעקטירט פון
דימיטרי בוכאוועצקי
דער זשעני פון אייראפא

,,מענער״
דער פערסאנאל נעזומט אריין אין זיך:
ראבערט פאזמאן
ראבערט וו. פרייזער
דזשאזעף צוויקארד

קויפט אייערע קוילען פון
יאנאווער בראדערס

וואו איהר באקומט בלויז נומע הארטע קוילען.
288½ קווין סט. וועסט. רעזידענץ טריניטי 8781. אפיס טעל. עדלייד 3766

אפיס שטונדען: 9 פריה ביז 9 אווענט.
דר. א. ס. פאומאן
טעלעפאן: עדלייד 4280
164 קווין סטריט וועסט



די פיינסטע סעטס

פון קינסטליכע ציינער וואס קוקען אויס פונקט ווי אייערע און מיט וועלכע איהר פיהלט זיך פונקט ווי מיט אייערע אייגענע ציינער.

פיעלע מענשען האבען געפונען פאר אונמעגליך צו צאהלען דעם פרייז וואס ווערט געוועהנליך געפאדערט פאר סעטס ציינער. אין די מעהרסטע אפיסעס רעכענט מען אמווייניגסטען 50 דאלאר פאר אויבערשטע און אונטערשטע סעטס.

מיר האבען רעדוצירט דעם פרייז

אויב עס איז ווען געווען א צייט אז פרייזען זאלען רעדוצירט ווערען צו א בעסיגען קאסט — איז עס איצט די צייט.

א סינגעל סעט קאסט איצט בלויז $10.00
עקזאמינײשאן פריי

קראונס 22 קערעט גאלד	$5.00
ברידזש ווארק, פער צאהן	$5.00
זילבער פילינגס אזוי ביליג ווי	50 סענט.
ציינער געריינינט	$1.00
שמערצלאזע ארויסנעהמען פון ציינער	$1.00

Dr. A. S. FAUMAN
164 QUEEN ST. WEST

אויב איהר דארפט געזעצליכע פאפירען

אלע געזעצליכע פאפירען, סיטיזען פייפערס אפידייוויטס א.ד.ג. ווערען געמאכט פון
ה. וויינבערג
דזשאסטיס אף פיעס
אין אפיס פון ,,אידישען זשורנאל״
253 קווין סטריט וועסט

וויכטיג פאר האמילטאנער אידען

איהר באקומט ביי מיר טעגליכע, וועכענטליכע און מאנאטליכע צייטונגען פון אמעריקא און קאנאדע אין
56 יארק סטריט (געגענאיבער דעם קאמערשעל האטעל)
דעם ,,אידישען זשורנאל״
באקומט איהר יעדען פריהמארגען פון דעם זעלבען טאג. איך נעהם אויך אן אלערליי
אדווערטייזמענטס פאר׳ן ,,אידישען זשורנאל״
אויב איהר ווילט זיך סובסקרייבען פאר אידישע צייטונגען קענט איהר עס טאן דורך מיר מיט די בעסטע באהאנדלונגען. אלערליי ביכער און שרייב מאטעריאלען קענט איהר ביי מיר באקומען.
ל. לואיס 56 יארק סטריט, האמילטאן
טעלעפאן רידזשענט F 2045

PANTAGES
NOW PLAYING
א שטורם פון טרילס
״דאס שיסען פון דען מעקגריו״
פון ראבערט וו. סערוויס'עס אומשטערבליכע פאעמע ״דהו ספעל אוו דהי יוקאן״, מיט
בארבארא לא מאר
ליו קאדי מעי באש
פערסי מארמאנט
הויפט־פיטשור פון'ם וואדעוויל־פראגראם
״באהעמישע נעכט״
א קאלארפולער געמיש פון געזאנג, טאנץ און בלענדענדיגע שעהנקייט.
אנהויבענדיג נעקסטען שבת:
״גלאפינג פיש״
די גרעסטע קאמעדיע וואס איז ווען אויפ'ן לייוונט געוויזען געווארען פאר אן עולם.

LOEW'S THEATRE
די גאנצע היינטיגע וואך
טאם מיקס אין
,,ריידים טו באארד״
זעקס וואדעוויל־אקטען

חזן קאפלאנ'ס

נייער אדרעס איז
484 בראנזוויק עווענו
טעלעפאן הילקרעסט W 6171
אפיס 11 קאלבארן סט.
טעלעפאן מיין 2907.

סעם סאלוויי

האט די בעסטע
הארטע קוילען
אלע סייזעס צו דעליווערען צו אלע טיילען פון שטאדט. ריכטיגע וואג. טעלעפאנירט טריניטי 2442.
פארגעסט נים צו געבען אייער אדרעס.
רעזידענס 50 לייפאוו עווענו.

דר. ס. פערלמאן

דענטיסט
198A קווין סט. וועסט
טעלעפאן עדלייד 7279
הויז טעל. הילקרעסט W 6373
אפען אווענטען.

בלויז חזן וואלאדאווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פארזיכטיג
אלס מוהל
און מסדר קידושין.
אלע עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט.
קאנטרי לייט קענען מיר אויך רופען אויף זייערע שמחות.
וואוינונג 62 בראנזוויק עווענו
טעלעפאן טריניטי 1076
פאר ארימע אומזיסט.

עלעקטרישען

הויז וויירינג און ריפיירס, עסטימיטס. קיין דזשאב צו גרויס אדער צו קליין. קיין שארען צו די דעקאראציעס ביים פיקסען.
דזשיי דזשייקאבסאן
27 באלדווין סטריט
טעלעפאן טריניטי J 3248

אויפמערקזאם

איהר וועט הנאה האבען פאר אייער געלט ווען איהר גיט אייער דזשאב צו די יוניימעד ארט דעקארייטינג. מיר פייפערען, פיינטען און ריינען אייער הויז אינסייד און אוטסייד מיט א צופרידענשטעלענדער גאראנטי. גיט אייער ארבייט צו די יעניגע וואס גיבען אייך א גאראנטי.
The UNITED ART DECORATORS
טעלעפאן לייקסייד W 5379
אדער טריניטי F 3894
5404-6-27)

לאיער ה. מ. לעהרער

רום 312 פעדעראל בילדינג. טעלעפאן עדעלייד 4651 — 4652
טראסט און פריוואט פאנדס פאר ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.

לאיער אי. סי. סאלאמאן

אפיס מענינג טשעמבערס, 72 קווין סט. וועסט—רום 207
טעלעפאן עדעלייד 3640 רעזידענץ טעלעפאן: טריניטי W 5953

מיר קענען פארקויפען אייער צווייטען מארגידזש
אויך געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגעדזשעס.
פעקטאר און שולמאן, לאיערס
מענינג טשעמבערס 72 קווין סט. וועסט. טעלעפאן מיין 4359.

לאיער בירענבוים

אפיס:
דאמיניאן באנק בילדינג
קארנער קווין און בעי.
טעלעפאן ארעלייד 7287.

וואוינונג:
226 בעווערלי סטריט.
טעלעפאן טריניטי 7406.

לאיער סאל אייזען

באריסטערס, סאליסטער, און נאטארים.
קאמישיאנערס פאר אנטאריא און קוויבעק.
געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס
דאמיניאן באנק בילדינג — רעזידענס
קאר. בעי און קווין סטריטס רום 4 — 484 מארקהאם סטריט.
טעלעפאן עדלייד 3083. — טעל. טריניט W 1904

לואיס מ. סינגער

לאיער און נאטארי פאבליק
קאמישיאנער פו ןאלע פראווינצען פון קאנאדע.
לאא אפיס 154 סימקא סטריט.
די נייע טעלעפאן נאמבערס זענען:
עדלייד 7965 און 7966

מאלדאווער און ראזענבערג

לאיערס און נאטארים פאבליק
געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.
רום 507 פעדעראל בילדינג. ריטשמאנד סטריט.
טעלעפאן עדלייד 2178.

לאיער גלאסס

רום 36—37 אימפיריעל באנק בילדינג. קארנער יאנג און קווין.
טעלעפאן עדלייד 6089 רעזידענץ קענוואוד J 4206
געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.

טעלעפאן עדלייד 7437. רעזידענץ: טריניטי W. 7024.
לאיער לואיס נ. סאקלאף
געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.
רום 212 מענינג טשעמבערס 72 קווין סט. וועסט

לאיער מ. גארדאז ב. א.

באריסטער, סאליסיטאר א. אז. וו.
רום 822 פעדעראל בילדינג
85 ריטשמאנד סטריט, וועסט. טעל. מיין 1150. רעזידענס טריניטי 4925

ס. קופטשיק

דער באוואוסטער רעסטאראטאר האט ערעפענט דעם
רומעניען רעסטאראן און גריל
אין 276 קאלעדזש סטריט
איהר קענט דארטען באקומען אלע רומענישע מאכלים און אלעס וואס אייער הארץ גלוסט.
מיר נעהמען אויך אן צו קייטערען פאר חתונות, באנקעטען און פארטים.

דזשולערי דזשאבס

פון אלע סארטען, אלערליי מעדאלס פריוואטע ווי אויך פאר מתנה ווערען געמאכט צו ארדער, אדער ריפיירד, ביים באוואוסטען דזשולער
מ. העלער
750 קווין סט. איסט
טעלעפאן דזשעראד 7863
ליידיס פאקעט בוקס געפיקסט גוט און ביליג.